ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת פקודי

אידיש

523

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שלשה ועשרים

## • פקודי •

אין דעם פרק ווערן ערקלערט 17 תנאים מקיים צו זיין די מצוות און זאַכן וואָס זענען מעורר דעם מענטש מורא צו האָבן פון דעם אויבערשטן (פון בעל הרוקח)

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון דריי און צוואָנציקסטער פרק


א. 17 תנאים וואָס אַ מענטש דאַרף זיין געוואָרנט אין יעדע איינציגע מצוה איר מקיים צו זיין – פון ספר חרדים..................ג

ב. התעוררות רייד וואָס ווייזן דעם מענטש וויאַזוי ליב און מורא האָבן פאַרן אויבערשטן – פון דעם בעל הרוקח..................ה

ג. דיין יצר הרע זאָל דיך נישט איבררעדן אַז דו האָסט נישט קיין כח מקיים צו זיין אַלע מצוות ווי געהעריג..................טו

ד. אויב אַ מענטש זעט אַז זיין האַרץ גלוסט צו טוהן אַ געוויסע מצוה מער ווי אַנדערע מצוות, זאָל ער וויסן אַז צוליב דער דאָזיגער מצוה איז ער מגולגל געוואָרן אויף די וועלט...................יז

ה. דער מענטש זאָל לערנען וואָס זיין האַרץ גלוסט, סיי אין תנ"ך און סיי אין משניות, ווייל אויף דעם איז ער מגולגל געוואָרן..................יח

ו. נאָך אַן ענטפער צום רשע וואָס זאָגט אַז ער איז נישט בכח מקיים צו זיין אַלע מצוות..................יח

# פרק שלשה ועשרים

## 17 תנאים וואָס אַ מענטש דאַרף זיין געוואָרנט אין יעדע איינציגע מצוה איר מקיים צו זיין – פון ספר חרדים

**א. יבחר האדם,** דער מענטש זאָל אויסוועהלן און זוכן דעם וועג וואָס איז מער זיס און געליבט מקיים צו זיין די מצוות. דאָס וועט מאַכן לייכטן זיין נשמה, און וועט אָפּטוהן פון איר דעם פּגם וואָס איז געוואָרן אין איר, דורך די עבירות וואָס ער האָט געטוהן, ווייל די עבירות פאַרשמירן די נשמה פאַר דעם אויבערשטן און פאַר אַלע זיינע מלאכים, ביז ער זאָל זיך רייניגן פון דער טומאה דורך די מצוות.

**און** איך וועל שרייבן וואָס דער מענטש דאַרף נזהר זיין אין יעדע מצוה עס צו טוהן, אַזוי ווי איר דין איז, אַז זי זאָל אָנגענומען ווערן פאַרן באַשעפער און מיר זאָלן נישט קומען אויף עולם הבא מיט שאַנדע ח״ו.

**דער** ספר **חרדים** ברענגט 17 תנאים, און איך וועל זיי שרייבן בקיצור.

א) דער מענטש זאָל טוהן יעדע מצוה מיט כוונה, אַזוי ווי דער רי״ף און דער רמב״ם פסק׳ענען אַז די מצוות מוז מען טוהן מיט כוונה.

ב) צו טוהן די מצוות מיט גרויס יראה.

ג) צו טוהן די מצוות מיט גרויס אהבה.

ד) דער מענטש זאָל טוהן די מצוה מיט גרויס שמחה, גלייך ווי דער אויבערשטער ברוך הוא האָט אים צוגעשיקט אַ מתנה, און ווי מער גרויס די שמחה איז, אַזוי גרויס איז זיין שכר, און דער אר״י האָט געזאָגט, אַז ער האָט זוכה

געווען צו זיין גאַנצע חכמה צוליב דער שמחה וואָס ער האָט געהאַט ביי יעדע מצוה.

ה) ער זאָל די מצוה טוהן אינגאַנצן, ווי די חז"ל האָבן געזאָגט, אויב דו האָסט אָנגעהויבן אַ מצוה זאָלסטו זי ענדיגן, און דער וואָס הייבט אָן אַ מצוה און איז זי נישט גומר, נעמט מען אוועק פון אים זיין גדולה, און ער באַגראָבט זיין ווייב און קינדער ח"ו.

ו) ער זאָל זייער מדקדק זיין צו טוהן די מצוה אַזוי ווי איר דין איז, מיט אַלע דקדוקים און פרטים.

ז) ער זאָל זוכן צו טאָן די מצוה.

ח) יעדע מצוה וואָס ער קען אַליין טוהן זאָל ער זי טוהן אַליין, און נישט דורך אַ שליח, ווי די אמוראים האָבן אַליין עוסק געווען אין צרכי שבת.

ט) די מצוה וואָס איז געקומען צו אים פריער, זאָל ער איר טוהן פריער.

י) ער זאָל נישט טוהן צוויי מצות צוזאַמען, ווייל ער וועט זיך נישט קענען מזרז זיין אין ביידע.

יא) ער זאָל נזהר זיין צו טוהן די מצוה בדרך כבוד, למשל ביי דער מצוה פון כיסוי הדם, זאָל ער צודעקן דאָס בלוט מיט דער האַנט, נישט מיט דעם פוס. אין תנחומא שטייט, דער אויבערשטער ברוך הוא האָט געזאָגט, איר זאָלט ערליך האַלטן מיינע מצוות, איז גלייך ווי איר האַלט מיך ערליך, און אויב איר וועט זיי מבזה זיין, איז גלייך ווי איר זענט מיך מבזה ח"ו.

יב) אַז עס קומט אים פאָר אַ מצוה צו טוהן זאָל ער זי תיכף טוהן, און זאָל נישט זאָגן איך וועל זי מאָרגן טוהן. ביי

אברהם שטייט "וישכם אברהם בבוקר" אברהם האָט זיך געפעדערט גאַנץ פרי מקיים צו זיין די מצוה פון אויבערשטן.

יג) דער מענטש זאָל זוכן צו באַשיינען די מצוה, דאָס הייסט ער זאָל זיך קויפן אַ שיינעם אתרוג, אַ שיינע סוכה, אַ שיינעם טלית, און אַזוי אויך ביי אַלע מצוות.

יד) ער זאָל גלוסטן ווען עס וועט פאַר אים פאָרקומען אַ מצוה זי מקיים צו זיין.

טו) ער זאָל האָבן גרויס זריזות. די מצוה וואָס מען דאַרף טוהן בייטאָג זאָל ער טוהן אינדערפרי, און וואָס מען דאַרף טוהן ביינאַכט זאָל ער טוהן אָנהויב נאַכט.

טז) ער זאָל זיך פלייסן צו טוהן די מצוות צווישן מענטשן, אויך די מצוה פון לערנען תורה, זאָל מען לערנען מיט אַ חבר אָדער מיט תלמידים, און אַזוי ביי אַלע מצוות, איז בעסער אַז די מצוה ווערט געטוהן דורך פיל מענטשן, אַזוי ווי ביי דעם קרבן פסח, איינער האָט אים געשאָכטן, און דער כהן האָט מקבל געווען דאָס בלוט אין אַ כלי, און האָט זי געגעבן צו זיין חבר, און דער חבר האָט זי געגעבן צו זיין חבר, כדי אַ סאַך מענטשן זאָלן עוסק זיין אין דער מצוה.

יז) דער מענטש זאָל קויפן די מצוה פאַר געלט, און ער זאָל נישט טוהן די מצוה אָן געלט-קאָסט.

## התעוררות רייד וואָס ווייזן דעם מענטש וויאַזוי ליב און מורא האָבן פאַרן אויבערשטן – פון דעם בעל הרוקח

**ב. ובהקדמת,** אין דער הקדמה פון ספר **רוקח** האָב איך געפונען אַזעלכע זאַכן וואָס ברענגען דעם מענטש צו פאָרכט

און ליבשאַפט פאַרן באַשעפער.

**עס** איז נישטאָ קיין ליבשאַפט, אַזוי ווי די ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן.

**עס** איז נישטאָ קיין קרוין, ווי דאָס עניוות.

**עס** איז נישטאָ קיין בעסערער זכר, ווי אַ גוטער שם.

**עס** איז נישטאָ קיין ריוח, ווי צו טוהן מצוות.

**עס** איז נישטאָ קיין חן, ווי מקיים צו זיין די תורה.

**עס** איז נישטאָ קיין זכות, ווי מזכה הרבים זיין.

**עס** איז נישטאָ קיין קרבן, ווי אַ צובראָכן האַרץ.

**עס** איז נישטאָ קיין חכמה, ווי די חכמה פון תורה.

**עס** איז נישטאָ קיין פאָרכט, ווי די פאָרכט פאַרן אויבערשטן.

**עס** איז נישטאָ קיין שמחה, ווי די שמחה פון אַ מצוה.

**עס** איז נישטאָ קיין הייליגקייט, ווי די אָפּשיידונג פון דער וועלט.

**עס** איז נישטאָ קיין געבעט, ווי צו בעטן דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז ער זאָל אים פאַרגעבן זיינע עבירות.

***אין מדה,*** עס איז נישט דאָ אַזאַ גוטע מדה, ווי צו זיין אַ בושת פנים.

**עס** איז נישטאָ קיין בעסערער חסד, ווי שטראָפן זיין חבר.

**עס** איז נישטאָ קיין בעסערער וועג, ווי צו טוהן גמילות חסדים.

**עס** איז נישטאָ קיין בעסערס פון דעם וואָס האַלט איין זיין כעס.

**עס** איז נישטאָ קיין רעכטפאַרטיגער, ווי דער וואָס איז רעכטפאַרטיג פאַר דעם אויבערשטן.

**עס** איז נישטאָ קיין פרומער, ווי דער וואָס היט זיך פאַר חנופה.

**עס** איז נישטאָ קיין תם, ווי דער וואָס האַלט ערליך זיין הויז געזינד.

**עס** איז נישטאָ קיין בעסערע מדה, ווי דער וואָס איז מוחל דעם וואָס זינדיגט קעגן אים.

**עס** איז נישטאָ קיין גלייבונג ווי דער וואָס גלייבט אין דער איינציגקייט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**אין** רצון, עס איז נישטאָ קיין ווילן, ווי דער וואָס באַהעפט זיך אין די חכמים.

**עס** איז נישטאָ אַ זאַך ליב צו האָבן, אַזוי ווי אַ גוט האַרץ.

**עס** איז נישטאָ אַזעלכעס וואָס מען זאָל פיינט האָבן, ווי גאוה.

**עס** איז נישטאָ קיין ערגערס, פון מחלוקת.

**עס** איז נישטאָ קיין ערגערס, פון אַ בייזע צונג.

**עס** איז נישטאָ קיין דברים בטלים, אָן אַ זינד.

**אויב** מען זיצט מיט עמי הארצים אינאיינעם, קען עס נישט זיין אָן ליצנות.

**אַז** מען זיצט און מען שפעט, קען עס נישט זיין אָן זינד.

**אַז** אַ כיתה פון שלעכטע מענטשן קומען זיך צוזאַמען, קען דאָס נישט זיין אָן רשעות.

**עס** איז נישטאָ קיין מחלוקת אָן אַ זינד.

**אין**, עס איז נישטאָ קיין עבירה אַזוי ווי עזות.

**עס** איז נישט דאָ קיין פאַרברעכן אַזוי ווי פאַלש שווערן.

**עס** איז נישטאָ קיין שלעכטיגקייט, ווי אַ בייז אויג.

**עס** איז נישטאָ קיין אומווערדיקייט, ווי אַ פאַלשע צונג.

**עס** איז נישטאָ קיין שונא, ווי דער יצר הרע.

**עס** איז נישטאָ קיין בעסערער ליבהאָבער פונעם יצר טוב.

**עס** איז נישטאָ קיין בעסערס פון אַ גוט האַרץ.

**עס** איז נישטאָ קיין גרעסערע ערמה פון דעם וואָס טוטביישטיין אין אַ נסיון.

**עס** איז נישטאָ קיין גרעסער פייער פונעם פייער וואָס אַ מענטש ברענט פאַר'ן אויבערשטן'ס פאָרכט.

**עס** איז נישטאָ דאָ קיין שטאַרקערע פרומקייט, ווי ווען אַ מענטש הייבט אָן פרום צו ווערן.

**ג. שמע,** הער צו, מיין זון, די שטראָף פון דיין פאָטער. האָב ליב דיין באַשעפער וואָס ער האָט דיך באַשאַפן. טו דיינע מצות אין אַלע צייטן. געדענק שטענדיג זיין פאָרכט. בענטש אים יעדע רגע, דערקען דיין באַשעפער, און געדענק פון וואַנען דו ביסט גענומען געוואָרן, און געדענק דיין גרוב וואָס דו וועסט אַהינגיין.

**קדש,** הייליג דיך אַפילו אין אַזעלכע זאַכן וואָס זענען מותר צו דיר. הייליג דיך פון אַלע זינד. אין יעדן מצב גיב אים אַ לויבונג.

**נהג,** דו זאָלסט זיך פירן מיטן אמת, און האָב ליב צו טוהן גענאַד. אין אַלע דיינע וועגן דערקען דעם אויבערשטן ברוך הוא, דיין באַשעפער.

**יראי,** פאַר גאָט'ס-פאָרכטיגע זאָלסטו זיך פאָרכטן און טו גערעכטיגקייט, גיי בצניעות מיט דיין גאָט. שטאַרק זיך אין דער תורה, און באַגער שלום, און שטאַרק זיך צו טוהן מעשים טובים, מיט דיין כח פעסטיג זיך אין דער איינציגקייט פון דעם אויבערשטן און אין זיין ליבשאַפט.

**ד. ועתה,** און אַצינד, מיין זון, הער מיך צו, וועט דיר וואויל זיין. האָב ליב דעם אויבערשטן ברוך הוא, דיין האַרץ זאָלסטו ווענדן אים צו קענען און איינציגן. געדענק זיין דינסט, אין יעדע צייט

בוק זיך צו אים. ער איז דיין פאָטער, ער האָט דיך באַשאַפן. רייניג דיך פון אַלע זינד, זיי זיך נוהג אין חשוב׳ע מדות.

**אשרי,** וואויל איז צו דעם וואָס זיין האַרץ טראַכט שטענדיג און געדענקט די ליבשאַפט פון זיין באַשעפער, און פאַר׳מיאוס׳ט די נאַרישקייט פון דער וועלט. ער באַצוואונגט זיין יצר הרע. זיין באַשעפער איז שטענדיג אַנטקעגן אים, און ער רעדט בנחת מיט אַלע מענטשן, און פירט זיינע קינדער כשורה. ער איז מקרב זיינע קרובים און זוכט חסד און צדקה, און איז אַליין זוכה און איז אויך מזכה אַנדערע מענטשן, און טוט דעם פאַרלאַנג פון זיין ווייב, און האַלט זי ערליך, און איז איר געטריי, און ער מאַכט חתונה זיינע קינדער אין דער ריכטיגער צייט. ער פרייט זיך מיטן גוטס פון אַנדערע מענטשן. ער האָט ליב זיינע שכנים, ער באָרגט געלט צו אַן אָרימאַן בשעת עס איז אים ענג, און ער גיט צדקה בסתר, און אַלע זיינע מעשים זענען פאַרן אויבערשטנ׳ס וועגן.

**ותמיד,** אינדערפרי און אויף דער נאַכט גייט ער אין בית המדרש און אין שוהל אַריין, און ער לערנט דאָרט, און ער דאַוונט מיט כוונה. וואויל איז צו דעם דאָזיגן מענטש, ער וועט האָבן עולם הבא.

**ה. בני,** מיין זון, דו זאָלסט נישט נאָכטראַכטן דעם באַשעפער, פאַרוואָס ער גיט דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דו זאָלסט נישט וועלן פאַרשטיין זאַכן וואָס זענען פאַרהוילן פון דיין האַרץ.

**דו** זאָלסט זיך נישט איילן צו טראַכטן. דו זאָלסט נישט רעדן שלעכטע רייד אויף אַ צדיק. דו זאָלסט נישט פאַרגעסן אַלע זיינע מעשים וואָס ער האָט געטוהן פאַר דיר. דו זאָלסט נישט מאַכן געוועלטיגן דיין יצר הרע אויף דיר.

**דו** זאָלסט נישט זאָגן, איך וועל זינדיגן און תשובה טוהן.

**דו** זאָלסט נישט פאַרמיידן קיין גוטס פון דעם מענטשן וואָס דו קענסט עס טוהן מיט אים.

**דו** זאָלסט נישט צולייגן אויף די רייד פון דעם אויבערשטן.

**עס** זאָל נישט אַרויסגיין קיין שבועה פון דיין מויל.

**ו. אַל,** עס זאָל נישט קומען גאווה אין דיין האַרץ.

**דו** זאָלסט נישט טראַכטן קיין שלעכטס אין דיין האַרץ.

**דו** זאָלסט קעגן קייגעם נישט מעיז זיין.

**דו** זאָלסט נישט רעדן דברים בטלים.

**דו** זאָלסט זיך נישט באַרימען.

**זאָלסט** נישט טראַכטן קיין בייז אויף דיין חבר.

**דו** זאָלסט זיך נישט קריגן מיט קיין מענטשן.

**דו** זאָלסט נישט שטראָפן קיין שפעטער, טאָמער וועט ער דיך פיינט האָבן.

**דו** זאָלסט נישט זיצן צווישן ליצים.

**דו** זאָלסט נישט גיין אין וועג מיט זיי.

**דו** זאָלסט נישט זיין קלוג אין דיינע אויגן.

**דו** זאָלסט זיך נישט רייצן מיט די רשעים.

**דו** זאָלסט הערן שטראָף רייד.

**דו** זאָלסט קיין הנאה נישט האָבן אויב מען וועט דיך מכבד זיין.

**דו** זאָלסט נישט באַגערן קיין גדולה און כבוד.

**דו** זאָלסט נישט גלוסטן די שיינקייט פון אַן אשה, זי זאָל דיך נישט באַנעמען מיט אירע זיסע רייד.

**דו** זאָלסט זיך נישט באַמיען רייך צו ווערן.

**דו** זאָלסט נישט האָבן אַ שלעכט אויג.

**דו** זאָלסט נישט אַנטפּלעקן קיין סוד.

**דו** זאָלסט נישט מקנא זיין די מענטשן וואָס טוען אומרעכט.

**דו** זאָלסט נישט פאַרשליסן דיינע טירן פון געבן צדקה.

**דו** זאָלסט נישט אָפּנאַרן אַן עני ואביון.

**דו** זאָלסט נישט פאַרלאָזן די מנהגים פון אידן.

**דו** זאָלסט נישט אָוועקנייגן פון מיינע רייד.

**ז. אמת,** לערן דיין מויל צו זאָגן אמת, גיי אין דעם וועג פון די צדיקים. אין דיין גאַנג זאָלסטו זיין אַ עניו. זיי קלוג אין דעם אויבערשטן׳ס פאַרכט. קער אָפּ פון בייז, און טוה גוטס. האַלט ערליך דיין פאָטער און מוטער. זוך צו ברענגען שלום צווישן מאַן און ווייב. שטראָף דיין פריינט, מאַך אים טרעטן מיט נחת צו דעם אויבערשטן.

**הרחק,** דערווייטער זיך פון שפּעטערס. באַהעפט זיך אין דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט. צוברעך דיין תאוה. צורייס די פאַרשליסונג פון דיין האַרץ.

**ח. תבכה,** דו זאָלסט וויינען אויף דיינע פילצאָליגע זינד. דו זאָלסט זיך מתוודה זיין און פאַרלאָז דיין רשעות, בעט דעם באַשעפער ער זאָל דיר פאַרגעבן דיינע פילע זינד. בעט אים ער זאָל געבן זיין פאָרכט אויף דיר צו נעמען זיין ליבשאַפט אין האַרץ, צו דינען אים מיט שמחה.

**ט. תבקש,** בעט דעם אויבערשטן אויף דיר און דיין ווייב און קינדער און דיין הויז געזינד, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט קומען צו אַן עבירה, און נישט צו קיין מיאוס׳ע זאַך. און דו זאָלסט נישט זיין להוט נאָך פיל עסן און טרינקען, ווייל דער באַשעפער באַגערט נישט אין פיל עסן און טרינקען. אויב דו האָסט געזינדיגט אַביסל, זאָל דאָס ביי דיר זיין אַ סאַך, און דו זאָלסט דערויף תשובה טוהן.

**י. אם**, אויב דו וועסט טוהן מעשים טובים און דו וועסט לערנען תורה, זאָלסטו זאָגן אַז דערויף ביסטו באַשאַפן געוואָרן.

**הכר**, דערקענן דיין באַשעפער, פאָרכט זיך פאַר דעם אויבערשטן וואָס ער האָט דיך באַשאַפן, טראַכט אַז זיין כבוד איז פול איבער די גאַנצע וועלט.

**אל**, דו זאָלסט נישט זיצן מיט די מענטשן וואָס רעדן דברים בטלים.

**יהא**, די פאָרכט פון אויבערשטן זאָל זיין אַנטקעגן דיינע אויגן. געדענק אַז ער זעט אַלע דיינע מעשים, ער פאָרשט דאָס האַרץ, און פרובירט די נירן. ער ווייסט אַלע דיינע מחשבות. טראַכט אַז ער האָט דיך באַשאַפן, און שפייזט דיך, און האָט דיך געמאַכט פאַר אַן אייביגן קנעכט צו אים. דעריבער זאָל זיין פאָרכט זיין אויף דיר.

**יא. השמר**, היט זיך אַז דו זאָלסט נישט זינדיגן, און זיי גאַנץ מיט אים, און דיין האַרץ זאָל זיין געטריי פאַר אים. ווייל ער וויל נישט די נאַראָנים און די שפעטערס, און אין די שלעכטע מענטשן וואָס גייען נאָך זייער יצר הרע, וואָס זיי גלוסטן אין די תאוות פון דער פאַלשער וועלט.

**ובאנשי**, און אין די שפעטערס איז נישטאָ דעם אויבערשט׳ן פאָרכט, אָבער אַז עס וועט אויף זיי קומען דאָס שלעכטס וועלן זיי שרייען צום אויבערשטן און ער וועט זיי נישט הערן, ווייל זיי האָבן פיינט שכל, און דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט האָבן זיי פאַרלאָזט.

**יב. את**, פאַר דעם אויבערשטן זאָלסטו מורא האָבן, און פאַר אַ תלמיד חכם זאָלסטו אויך מורא האָבן, און דער וואָס האַלט ערליך אַ תלמיד חכם איז גלייך ווי ער האַלט ערליך דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**יג. אדם**, דו מענטש, טו דיין האַרץ צו דעם חסד וואָס דיין באַשעפער האָט מיט דיר געטוהן פון ערשטן טאָג, און דו

זאָלסט נישט זיין קיין כפוי טובה צו אים. דער אויבערשטער ברוך הוא האָט דיך באַשאַפן, און האָט דיך געהיט, ביז דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פון דיין מוטער׳ס בויך.

**בעת,** אין צייט פון שמחה, זאָל אַרויפגיין זיין פאָרכט אויף דיין האַרץ, און אַלע דיינע איברים זאָלן ציטערן.

**עבדו,** דינט דעם אויבערשטן מיט פרייד, און פרייט זיך מיט ציטערניש, און טראַכט אַז דער באַשעפער שטייט נעבן דיר.

**יד. כשאתה,** ווען דו ביסט מתפלל, שטיי מיט פאָרכט, און טראַכט פאַר וועמען דו שטייסט, פאַר וועמען דו רעדסט.

אויב דו האָסט אַ זאָרג אין דיין האַרץ, זאָלסטו זי אַוועקרוקן פון דיין דעה בשעת דיין דאַווענען, ווייל ווען דו שטייסט פאַר אַזאַ גרויסן מלך דאַרפסטו נישט טראַכטן דיינע דאגות, נאָר זיין פאָרכט און זיין ליבשאַפט. עס זענען דאָ אַ סאַך מענטשן וואָס ווען זיי קומען אין שוהל אַריין, זיצן זיי ווי אבלים, און זייער מויל איז פאַרמאַכט. זיי ליבן נישט דעם אויבערשטן ברוך הוא. זיי וועלן דערויף גע׳משפט ווערן אין גיהנם.

**טו. אם,** אויב דיין שפייז איז בצמצום, טראַכט אַז דאָס איז פון דיין טובה וועגן, כדי ער זאָל דיך אויסלייטערן אין דעם נסיון פון אָרעמקייט, כדי צו פאַרגעבן דיינע זינד.

**אם,** אויב מענטשן וועלן דיך מבייש זיין איבער דעם וואָס דו ביסט עוסק אין מצוות, רעכן דיין בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן דורך דעם בזיון, ווי דאָס בלוט פון קרבנות, און נעם עס אויף מיט ליבשאַפט און מיט פרייד, און זיי קלוג אין דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט, ווייל ער איז דיין האַר, און דו ביסט זיין קנעכט.

**טז. אם,** אויב ער האָט דיר געגעבן עשירות און כבוד, זאָל דיין האַרץ נישט ווערן דערהויבן מער פון דיין ברודער דעם אָרעמאַן, ווייל דו ווייסט דאָך נישט וואָס מיט דיר וועט זיך נאָך טוהן,

און איר זענט דאָךביידע אַרויסגעגאַנגען נאַקעט פון אייער מוטער׳ס בויך, און ווען דו וועסט שטאַרבן וועסטו ליגן אין דער ערד אַזוי ווי ער, און אפשר וועסטו נאָך דאַרפן ביי דיין לעבן אָנקומען צו מענטשן אזוי ווי ער.

**יז. אם,** אויב דו ווערסט געשטראָפט מיט קינדער, זאָל דאָס זיין אין דיינע אויגן גלייך ווי דו האָסט זיי גע׳האַרג׳עט דורך דיינע זינד, און זיי דיך נישט מתרעם אויף זיינע מדות, און ווען דו דערמאַנסט דעם אויבערשטן׳ס נאָמען, זאָלן ציטערן אַלע דיינע איברים, און ווען דו דאַוונסט, זיי מכוון דיין האַרץ צום באַשעפער, און איידער דער דיבור גייט אַרויס פון דיין מויל, פאַרשטיי דעם טייטש פון אים.

**יח. אם,** אויב אינמיטן דאַוונען קומט צו דיר אַ שלעכטע מחשבה, הער אויף צו דאַוונען, ביז דו וועסט באַרואיגן דיין האַרץ, און זיי מדקדק אַרויסצורעדן יעדעס וואָרט, כדי דו זאָלסט זיך נישט טועה זיין, פונקט ווי דו ציילסט געלט, גיסטו ראָך אַוודאי דיין כוונה צו דעם ציילן. אַז דו שטעלסט זיך דאַוונען, זאָלסטו זאָגן וואָס בין איך רען חשוב צו געבן אַ קרוין צום דעם אויבערשטן ברוך הוא, צו דערמאנען זיין גרויסן נאָמען פאַר דעם וואָס די מלאכים פאָרכטן זיך פון אים און שרעקן זיך פאַר אים, און די מלאכים וואָס זענען אַרום אים ציטערן זייער שטאַרק פאַר אים. מכל שכן איך, וואָס איך בין געמאַכט פון ליים. איך האָב נישט קיין פאַרשטאַנד, איך בין פאַרשעמט ביי מיין לעבן און פאַר׳מיאוס׳ט נאָכן טויט.

**יט. אקרע,** איך וועל צורייסן דעם שלאָס פון מיין האַרץ, און איך וועל קומען פאַר אים מיט פאָרכט און ענוה, ווייל דאָרט וואו מיר געפינען די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן געפינען מיר זיין עניוות. עס שטייט אין פסוק, דער אויבערשטער ברוך הוא איז הייליג, שטייט דערביי, איך טוה רוען מיט דעם וואָס האָט אַ נידעריג געמיט. טוה זיך אָפּ פון גיכקייט, קרומקייט, גאוה און פוילקייט. האַלט דיך

מיט ענוה און מיט שלום, און זיי נישט מקנא די מענטשן וואָס טוען עוולות, נאָר אין גאָטס פאָרכטיגע.

**כ. ודע,** און ווייס אַז שיינקייט, שטאַרקייט, כבוד און חכמה, רייכקייט און אָרימקייט און די שטאַרקייט פון יצר הרע, די אַלע זאַכן קומען פון דעם אויבערשטן צו פרובירן דעם מענטש, און די מצוה און יראה פאַרלעשן דאָס פייער פון דעם יצר הרע, און די תורה איז אַ סגולה אָפּצוטוהן די בייזע מחשבות.

## דיין יצר הרע זאָל דיך נישט איבעררעדן אַז דו האָסט נישט קיין כח מקיים צו זיין אַלע מצוות ווי געהעריג

**כא. ואתה,** און דו, מענטש, דיין יצר הרע זאָל דיך נישט איבעררעדן צו זאָגן, בין איך דען אַזוי שטאַרק, איז דען מיין כח פון שטיינער און מיין פלייש פון קופּער, וואָס דו לייגסט אַרויף אויף מיר דעם שווערן יאָך וואָס איז געשטאַנען אויבן. אַלע מיינע טעג און נעכט וועלן מיר נישט גענוג זיין ווען איך זאָל אַפילו נישט עסן און טרינקען, און נישט שלאָפן, וועט נישט גענוג זיין צו מקיים זיין, און היטן דאָס אַלץ, ווייל איך בין נישט קיין מלאך, איך וועל עס אַוודאי נישט קענען דערטראָגן.

**כב. דע,** ווייס באמת אַז די רייד זענען פון דעם יצר הרע, ער מאַכט שווער די זאַכן אין דיינע אויגן, כדי ער זאָל דיך פאַנגען אין זיין נעץ. דו זאָלסט וויסן אַז אַ סאַך זאַכן פון דעם פּרק קענסטו זיי היטן דורך דעם וואָס דו זאָלסט זיצן און נישט טוהן ביסטו זיי מקיים, דהיינו דו זאָלסט תמיד טראַכטן אין דער איינציגקייט פון דעם אויבערשטן ברוך הוא און אין זיין ליבשאַפט, און דו זאָלסט נישט טוהן שאָדן צו דיין חבר.

**כג. ותתרחק,** דו זאָלסט זיך דערווייטערן פון גזילה, און נישט רעדן קיין לשון הרע און דברים בטלים, און נאָך פון אַזעלכעס גלייכן. נאָר אַ טייל פון זיי מוזטו טוהן און דאָס זענען נאָר

אין געוויסע צייטן, דהיינו צו טוהן משפט און צדק, צו ראַטעווען אַ מענטש וואָס ווערט באַרויבט, און נאָך אַזעלכעס גלייכן, וואָס דו דאַרפסט נישט טוהן יעדן טאָג, נאָר אַז עס וועט זיך דיר אַזוינס אַמאָל טרעפן.

**כד. והגם,** און כאָטש אַפילו אַז די אַלע זאַכן וואָס שטייען פריער מוז מען טאַקע טוהן מיט טירחא, מיט מי, פאַרוואָס זאָל דאָס ביי דיר שווער זיין? דערמאַן דיך דעם גרויסן שכר וואָס איז פאַר דיר אָנגעגרייט אויף עולם הבא, וואָס קיין אויג האָט עס נישט געזען, נאָר דער אויבערשטער אַליין.

**אם,** ווען מען זאָל דיר זאָגן, אַז וויפיל געלט דו וועסט אָפּציילן אין איין טאָג וועט זיין דיינס, וואָלסטו דאָך אַוודאי נישט געגעסן און נישט געטרונקען, נישט געשלאָפן, און נישט גערוהט אַ רגע, און דו וואָלסט נישט געהאַט קיין דאגה וועגן דער שווערער טירחא וואָס דו האָסט צוליב די גלוסטיגקייט פונעם געלט, און כאָטש עס איז מעגליך אַז דער ריוח וועט ביי דיר קיין קיום נישט האָבן, און ווען דו וועסט שטאַרבן וועט דאָך דאָס נישט מיטגיין מיט דיר. איז שוין אַוודאי אַ פשוטע זאַך, אַז דו דאַרפסט נישט זאָרגן וועגן דער טירחא וואָס דו וועסט האָבן מקיים צו זיין די מצוות, ווייל דיין שכר איז דאָך פאַרזיכערט אייביג, ביי דיין לעבן און נאָך דיין טויט, ווייל דאָס איז אַזאַ זאַך וואָס קיין האַנט קען דערויף נישט געוועלטיגן.

**כה. ואדרבא,** די טירחא דאַרף נאָר גרינג זיין אין דיינע אויגן, און נישט פאַר אַ משא. ווייל אַנטקעגן דעם גרויסן שכר וואָס דו וועסט האָבן דערפאַר, איז די טירחא גאָר ווייניג. בפרט אַז עס איז נישט אויף דיר אַליין מקיים צו זיין אַלע מצוות און אויסצולערנען די גאַנצע תורה, ווייל "**הבא לטהר מסייעים אותו**".

**כו. הכלל,** דער כלל איז, דער וואָס נעמט אויף שווער, מקיים צו זיין דעם אויבערשטן'ס דינסט, איז דאָס די עצה פון זיין יצר

הרע, אָפּצוהאַלטן אים פון אויבערשטן׳ס דינסט. אויך יעדע זאַך וואָס ווערט געטוהן מיט שמחה, ווען די זאַך איז ווי שווער, איז זי גרינג, און דעם אויבערשטן׳ס דינסט מוז זיין מיט שמחה, ממילא איז דאָך דאָס נישט שווער. און אויך, ווייל ער קען נישט מקיים זיין אַלע מצוות, דעריבער זאָל ער גאָרנישט מקיים זיין, ווי געשיקט זיך עס, זאָל ער מקיים זיין וואָס ער קען, און אַלע אידן צוזאַמען זענען מקיים אַלע מצות, ווייל אַלע זענען ווי איין מענטש, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט.

**אויב אַ מענטש זעט אַז זיין האַרץ גלוסט צו טוהן אַ געוויסע מצוה מער ווי אַנדערע מצוות, זאָל ער וויסן אַז צוליב דער דאָזיגער מצוה איז ער מגולגל געוואָרן אויף די וועלט.**

**כז. כלל,** דער כלל איז, אַזוי ווי דער מענטש זוכט אופנים אַז עס זאָל נישט קומען קיין שאָדן צו זיין גוף, אַזוי דאַרף ער זוכן אופנים אַז עס זאָל נישט קומען קיין שאָדן צו זיין נשמה, ווייל מיט דעם שאָדן פון זיין נשמה טוט ער פאַר זיין גוף אויך שאָדן, ווייל ער איז גורם אַ פּגם צו זיין נשמה קען זי נישט לייכטן צום גוף, ווערט דער גוף פאַרדאָרבן. און כאָטש צו דערגרייכן אַ מעלה צו דער נשמה מוז ער דאָך צערייבן זיין גוף זאָל ער דערויף נישט זאָרגן, ווייל דורך דעם וועט זיין נשמה ברענגען פירות. דאָס איז געגליכן צו אַ זאָמען וואָס מען זייעט, קען עס נישט שפּראָצן ביז עס ווערט פריער צעריבן, און דערנאָך שפּראָצט עס בליאונג, אַזוי אויך אַז דער מענטש וועט זאָרגן אויף דעם געזונט פון זיין גוף, וועט די נשמה נישט שפּראָצן קיין שום שפּראָצונג צו קומען צו דער מעלה פון רוח, און צו דער רעכטער נשמה.

**אשר,** דעריבער וועל איך דיר געבן אַן עצה צו פאַרשטיין וואָס דו האָסט פּוגם געווען אין פריערדיגן גלגול.

**דע,** די מצוה וואָס דיר גלוסט זיך מער צו טוהן, אין דעם האָסטו פּוגם געווען פריער, דעריבער האָט דער אויבערשטער דיר געשיקט די

מצוה מקיים צו זיין. דעריבער זאָלסטו איר נישט אָפּלאָזן, און טוה זי אינגאַנצן.

**הלא,** דו קענסט זען, מען האָט געפרעגט די חכמים ז"ל אין וואָס זענט איר נזהר געווען, האָט איינער געזאָגט אין מצות ציצית. איז דאָך שווער, איז ער דען נאָר נזהר געווען אין ציצית, און נישט אין אַנדערע מצוות ח"ו?

**נאָר** זיי האָבן געוואוסט מיט חכמה אויף וועלכע מצוה זיי זענען געקומען אויף די וועלט מתקן צו זיין, האָבן זיי אַכטונג געגעבן זי אינגאַנצן מקיים צו זיין, אין די איבריגע מצוות האָבן זיי אויך נישט אָפּגעלאָזט.

**דער מענטש זאָל לערנען וואָס זיין האַרץ גלוסט, סיי אין תנ"ך און סיי אין משניות, ווייל אויף דעם איז ער מגולגל געוואָרן.**

**כח. ולכן,** דעריבער, אַז דו גלוסט צו לערנען מקרא אָדער גמרא, זאָלסטו וויסן אַז דערויף ביסטו געקומען אויף דער וועלט, און זאָלסט מאַכן דיין עיקר לערנען דערין.

**כט. וכפי,** אַז דו זעסט אַז מען דאַרף מקיים זיין אַ סאַך זאַכן, זאָל דאָס דיך נישט דערשרעקן, ווייל עס איז מעגלעך, אַז דאָס מערסטע האָסטו שוין מתקן געווען אין פריערדיגן גלגול, און דו ביסט נאָר געקומען מקיים צו זיין אַ טייל פון זיי.

**נאָך אַן ענטפער צום רשע וואָס זאָגט אַז ער איז נישט בכח מקיים צו זיין אַלע מצוות**

**ל. וגם,** און אויך אין וועלכע מצוות דו טרעפסט שוועריגקייטן מקיים צו זיין, ביסטו מסתמא געקומען אויף דער וועלט

מקיים צו זיין די מצוות, און דער שטן מאַכט דיר מניעות כדי דו זאָלסט נאָך אַמאָל מוזן מגולגל ווערן ח״ו. דעריבער שטאַרק זיך און היט זי, ווייל זי איז דיין לעבן.

**לא. וכל,** און יעדער מענטש וואָס אים גלוסט צו לערנען גמרא אָדער אגדתא, און לערנט עפּעס אַנדערש, דער איז גורם זיין נשמה זאָל נישט טוהן איר שליחות משלים צו זיין איר חלק התורה, וואָס זי האָט געמינערט אין פריערדיגן גלגול. און אַזוי שרייבן אויך די חכמי הקבלה.

❀ ❀ ❀

בעזרת השם יתברך

אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ

# לזכרון עולם

## עד הגל הזה ועדה המצבה

של האשה הצדיקת החסודה והצנועה

אשת חיל עטרת בעלה, אשה יראת ה' היא תתהלל

**מרת חנה בת מוהר"ר מאיר יצחק פוקס ע"ה**

אשר כל ימיי מסרה נפשה ומאודה בעבודת השי"ת

לגדל את צאצאיה היקרים על ברכי התורה והיראה

השיבה נשמתה הזכה ליוצרה ר"ח אדר ב' שנת תשמ"ד

**תכתב זאת לדור אחרון, למען ידעו דורות הבאים**

**וילמדו ממעשי' הטובים והנאים**

**את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון**

**יזכור לה השי"ת כל זאת לטובה,**

**שתהי' למליצה ישרה לפני בעל הרחמים,**

**לבקש מאדון-כל עבור בני משפחתה שיחיו,**

**ונזכה כולנו לנחמת ציון וירושלים במהרה דידן אכי"ר**

בעזרת השם יתברך

# פרק
# ארבעה ועשרים

## ויקרא

אין דעם פרק ווערט ערקלערט פאַרשידענע תנאים און גוטע פירונגען, וויאַזוי אַ ערליכע פרוי זאָל זיך פירן.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געבורענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט

## פון פיר און צוואָנציגסטער פרק


א. דער מענטש זאָל אויסקלויבן אַן ערליכע פרוי וואס שטאַמט פון אַ משפחה פון צדיקים און ערליכע אידן, ווייל דורך איר איז דער מענטש זוכה צו עולם הבא. .......... ג

ב. צען תנאים פאַר אַן ערליכע אידישע פרוי, ווי אַזוי זי זאָל זיין באַליבט אין די אויגן פון איר מאַן. .......... ד

ג. זאַכן אין וועלכע אַ פרוי דאַרף זיין געוואָרנט בשעת זי טובליט זיך און בשעת איר שוואַנגערשאַפט .......... יב

ד. אַ פרוי וואָס האָט נישט קיין קינדער, זאָל זיך נישט מייאש זיין פון מדת הרחמים, נאָר זי זאָל זיין זיכער אַז זי וועט געהאָלפן ווערן מיט קינדער. .......... טז

ה. עס איז נישט ריכטיג פאַר אַ מאַן אָדער אַ פרוי וואָס האָבן נישט קיין קינדער ל"ע, צו פאַרמערן מיט תעניתים און מיט תפילות אַז זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט קינדער. .......... יז

ו. די מעלה פון אַ קינדערלאָזע פרוי וואָס זי גיט רשות צו איר מאַן חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערע פרוי כדי צו געבוירן קינדער .......... יח

ז. אַ תפילה וואָס עס זאָל זאָגן די פרוי וואָס האָט זוכה געווען צו אַ זוהן און זי ברענגט אים צו אַ ברית מילה .......... יח

ח. די פירונג פון אַ אידישע פרוי מיט איר קליינעם זוהן - ווי אַזוי זי זאָל אים דערציען. .......... יט

ט. פרויען וואָס זיצן צוזאַמען און רעדן נאַרישקייטן, דאַרף מען מוחה זיין קעגן זיי. .......... כא

י. פאַרשידענע וואָרענונגען פאַר פרויען וואָס גייען משמח זיין אַ חתן און אַ כלה .......... כב

יא. זאַכן וואָס זענען שייך פאַר אידישע הייבאַמס, און אַ תפילה וואָס זיי זאָלן זאָגן ווען זיי גייען צום הויז פון אַ פרוי וואָס גייט געבוירן אַ קינד. .......... כב

יב. תפילות פאַר אַ פרוי ווען עס ווערט ביי איר געבוירן אַ קינד .......... כד

יג. דער מאַן און די פרוי זאָלן זיין מיט איין האַרץ, וכו'. .......... כה


❖ ❖ ❖

# פרק ארבעה ועשרים

**דער מענטש זאָל אויסקלויבן אַן ערליכע פרוי וואס שטאַמט פון אַ משפחה פון צדיקים און ערליכע אידן, ווייל דורך איר איז דער מענטש זוכה צו עולם הבא.**

**א. ישמח האדם,** זאָל זיך פרייען דער מענטש וואָס באַקומט אַ פרום ווייב, און איר גאַנצע משפחה זענען אַלע צדיקים, ווייל אויב זי קומט אַרויס פון צדיקים האָט זי די טבע פון אירע עלטערן. זי ציט צום גוטן און איז אַן אשת חיל, אַ קרוין צו איר מאַן. זי ווערט געקרוינט מיט דעם שם "י-ה", אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט "איש ואשה שזכו שכינה ביניהם", אַ מאַן און ווייב וואָס זענען פרום, איז די שכינה צווישן זיי. דאָס איז די "יוד" פון וואָרט "איש" און די "הֵא" פון וואָרט "אשה", וואָס מיט דעם שם י"ה האָט דער אויבערשטער ברוך הוא באַשאַפן עולם הזה און עולם הבא.

**ב. ותראה,** און זע די מעלה פון אַ גוטע פרוי, אַז זי איז אַ גוטער אוצר און אַ ברכה און אַ שמחה, ווייל דער וואָס וואוינט אָן אַ ווייב, איז אָן פריילעכקייט און אָן גוטס, אָן ברכה.

**ג. וכשם,** און פונקט אַזוי ווי עס איז נישט מעגליך אַז דער מענטש זאָל זיך קויפן עולם הבא נאָר דורך דער וועלט, אַזוי ווי דער תנא זאָגט "גרייט זיך אָן אין פאָדער-הויז, דאָס איז עולם הזה, כדי דו זאָלסט קענען אַריינגיין אין דעם פּאַלאַץ, דאָס איז עולם הבא", פונקט אַזוי איז נישט מעגלעך אַז דער מענטש זאָל זוכה זיין צו עולם הבא, נאָר דורך אַ גוט ווייב, ווייל דער אות ה׳ פון דעם שם איז דאָך געגעבן געוואָרן אין איר נאָמען – "אשה", וואָס מיט די ה"א איז באַשאַפן געוואָרן עולם הזה, ווייל זי איז אַ הילף צו דעם מאַן, דורך איר קען ער דערגרייכן צו דער תורה און זוכה זיין צו עולם הבא, און די גוטע פרוי איז גורם אַז די שכינה זאָל רוען צווישן זיי, און זי מאַכט אים

טרעטן אין גוטן וועג, אַזוי ווי עס האָט זיך געטראָפן אַז אַ רשע וואָס האָט געהאַט אַ פרום ווייב, האָט זי אים אויך פרום געמאַכט, און אַ פרומער מאַן וואָס האָט געהאַט אַ שלעכט ווייב, האָט זי אים געמאַכט פאַר אַ רשע.

**ד. ובהיות,** אויב די פרוי איז אַ פרומע און אַ צנועה, איז זי גלייך אין אַלע זאַכן צו אַ מאַן. כאָטש די ווייבער זענען פטור פון מצוות וואָס האָבן אַ באַשטימטע צייט, אַזוי ווי סוכה, לולב, און דאָס גלייכן, און אויך איז זי פטור פון לערנען, פונדעסטוועגן זענען זיי פאָרט געגליכן צו די מענער, ווייל דורך זיי קענען די מענער לערנען תורה און היטן די מצוות, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט, אַז דער מאַן וואָס זיצט אָן אַ ווייב, איז ער אָן תורה. און דאָס לערנען ברענגט דעם מענטשן מקיים צו זיין די מצוות, אַזוי ווי די גמרא זאָגט אַז לערנען איז גרעסער פון מקיים זיין מצוות, ווייל לערנען ברענגט מקיים צו זיין די מצוות.

## צען תנאים פאַר אַן ערליכע אידישע פרוי, ווי אַזוי זי זאָל זיין באַליבט אין די אויגן פון איר מאַן.

**ה. ואלו,** און דאָס זענען די תנאים וואָס אַ פרומע פרוי דאַרף האָבן אין זיך, כדי זי זאָל זיין געליבט ביי איר מאַן, און כדי ער זאָל חס וחלילה נישט האָבן מחשבות אויף אַן אַנדערע פרוי, וואָס דורך דעם זענען זיינע קינדער נישט גוט.

**ו. תנאי א׳,** דער ערשטער תנאי איז, די פרוי זאָל זיין ריין אין אירע קליידער, און אירע קליידער זאָלן אין יעדע צייט זיין ווייס, און עס זאָל נישט געפונען ווערן אויף זיי קיין פלעק פון קיין שום זאַך, כדי זי זאָל נישט פאַרמיאוסט ווערן ביי איר מאַן, ווייל דאָס ברענגט אים אַז ער זאָל זי פיינט האָבן און ער זאָל טראַכטן אין זיין מחשבה וועגן אַן אַנדערע פרוי חס וחלילה. און אַפילו אויב זי איז

אָרים און האָט צעריסענע קליידער, זאָל דאָס קלייד וואָס זי טוט זיך אָנקליידן זיין אויסגעוואַשן און ריין אָן אַ פלעק.

**ז. תנאי ב׳,** דער צווייטער תנאי איז, אירע רייד זאָלן זיין מיט נחת, מיט רואיגקייט און מיט חן, שטיל, נישט הויך, אָן כעס און אָן רוגז, ווייל זי וועט דערצערענען איר מאַן און ער וועט זי אָנשרייען, און אויב ער וועט נאָר איין מאָל אַזוי טוהן, וועט ער געוואוינט ווערן דערצו און עס וועט צוקומען אַז זייערע הערצער וועלן זיין צעשיידט און די קינדער וואָס וועלן געבוירן ווערן פון זיי וועלן זיין רשעים און שלעכטע מענטשן, און אויב די קינדער וועלן זיך אָפּלערנען פון זייער פאָטער׳ס מעשים, וועלן זיי אויך אַזוי באַהאַנדלען זייערע ווייבער.

**ח. לכן,** דעריבער דאַרף די פרוי בעסער זיין געדולדיג, און נישט זיין אַ צאָרנדיגע, ווייל צוליב דעם וואָס זי צערנט אויף איר מאַן איז זי גורם אַ סאַך שלעכטס, און ווען איר מאַן בייזערט זיך אַמאָל זאָל זי ליידן זיין כעס אַ רגע, ווייל אַ מאַן, כאָטש ער צערנט אַמאָל, גייט פון אים באַלד אַוועק דער כעס און ער בעט זי איבער, ווייל ער האָט אַ ווייכע טבע און ער ווערט תיכף איבערגעבעטן.

**ט. תנאי ג׳,** דער דריטער תנאי איז, אַז אויב די פרוי זעט אַז איר מאַן האָט אַן ענגשאַפט, ער איז אַן אָרימאַן, זאָל זי פון אים נישט פאַרלאַנגען אַ סאַך געלט אויף פרנסה און מלבושים, כאָטש זי דאַרף עס נויטיג האָבן פאַר די צרכי הבית, זאָל זי מצמצם זיין ווי ווייט זי קען, ווייל וואָס וועט איר העלפן וואָס זי וועט פון אים פאַרלאַנגען ער זאָל איר געבן אויב ער האָט עס נישט, און אויך אויב זי רעדט צו אים מיט אכזריות טוט ער אָפּ זיין ליבשאַפט פון איר און ער פירט זיך אויך מיט אכזריות. און אויב דער מאַן וועט זיך שעמען פאַר איר, וועט ער מוזן גנב׳ענען און גזל׳ענען כדי איר צו געבן וואָס זי וויל, אָדער ער וועט פאָרן איבער ימים און מדבריות און קען שטאַרבן אָדער

אַ חיה צערייסט אים חס וחלילה, וואָס דאַן בלייבט זי איבער אַן עגונה אויף איר גאַנץ לעבן, ווייל זי וועט דאָך נישט וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר מאַן.

**י. לכן,** אויב די פרוי זעט אַז איר מאַן האָט נישט גענוג געלט איר צו געבן, זאָל זי בעטן אינדערפרי און אויף דער נאַכט און מיטאָג-צייט, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל זיך דערבאַרעמען איבער זיי אין זכות פון די קינדער.

**יא. ואדרבא,** אויב עס איז ענג אין דער פרנסה זאָל זי פאַר אים אַרויסווייזן אַ פריילעך פנים און זאָל אים טרייסטן מיט רייד, און זי זאָל אים שטאַרקן אַז ער זאָל האָבן בטחון אויף דעם אויבערשטן ברוך הוא. ווען דער מאַן וועט זען די ליבשאַפט פון זיין ווייב, גייט אַריין אַ פריילעכקייט אין זיין האַרץ, עס טוט אָפּקערן זיין דאגה און זאָרג, און דורך דעם ווערט דערהויבן זיין מזל.

**יב. תנאי ד',** דער פערטער תנאי איז, ווען די פרוי זעט אַז מיט איר מאַן האָט געטראָפן אַן אומגליק וואָס מען האָט אויף אים געמאַכט אַ בלבול, און ער איז טרויעריג און באַזאָרגט, זאָל זי אים אויסרעדן מיט טרייסט ווערטער, און די זאַכן וואָס זענען שווער אין זיינע אויגן זאָל זי אים גרינג מאַכן מיט גוטע רייד און מיט אַ פריילעך פנים. ווען דער מאַן הערט אירע גוטע רייד, פאַרגעסט ער זיין טרויעריקייט, און ווען ער וועט זיך באַהעפטן מיט איר וועלן אירע קינדער זיין גוט און גרויסע חכמים, אָבער דער וואָס באַהעפט זיך מיט זיין ווייב אין טרויעריגקייט און אין זאָרג, זענען די קינדער נאַראָנים, אַזוי ווי די חכמי הטבע האָבן געזאָגט.

**יג. ותנאי ה',** דער פינפטער תנאי איז, די פרוי זאָל נישט זיין פויל אין דעם וואָס זי דאַרף טוהן אין שטוב, און עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אויב דער מאַן הייסט איר טוהן אַ זאַך, זאָל זי עס תיכף טוהן, ווייל די פוילקייט איז מבטל די אָרדענונג פון הויז

און די כלים אין הויז זענען נישט ריין, אַלץ וואָס איז דאָ אין הויז, קליידער און כלים, זענען איינגעשמירט און צעריסן, אַזוי ווי קליידער פון אָרעמעלייט, און ווען דער מאַן קומט פריילעך פון מאַרק און דערזעט שימל און אומריינקייט אין הויז, און אַז אין יעדן ווינקל שטייען אָנגעשטעלט אומריינע טעפּ, ברענגט דאָס אים צו גלוסטן זיין חבר׳ס הויז וואָס איז ריין, און ער וועט קומען צו גלוסטן זיין חבר׳ס ווייב אויך, ווייל זי האַלט ריין איר שטוב. ממילא איז די פוילע פרוי גורם צו איר מאַן אַז ער זאָל עובר זיין אויף דעם לאו פון **״לא תחמוד בית רעך״**, דו זאָלסט נישט גלוסטן דיין חבר׳ס הויז, און אויף דעם לאו פון **״לא תחמוד אשת רעך״**, דו זאָלסט נישט גלוסטן דיין חבר׳ס ווייב, און דורך איר פוילקייט קומען זיי צו אַ קריגעריי.

**יד. לכן**, דעריבער זאָל די פרוי אַוועקוואַרפן איר פוילקייט און זאָל אַכטונג געבן אויף אַלע באַדערפענישן פון הויז, אַלץ זאָל זיין ריין כמעט אַזוי ווי דאָס הויז פון דעם מלכות, סיי אויב זי האָט אַסאַך און סיי אויב זי האָט ווייניג.

**טו. ותשים**, די פרוי זאָל זען אַז די קליידער פון איר מאַן זאָלן זיין ריין, און זי זאָל זיי צוזאַמענלייגן, כדי איר מאַן און אירע קינדער זאָלן נישט זיין פאַרשעמט ביי מענטשן דורך דעם וואָס זייערע קליידער זענען נישט ריין, און מענטשן וועלן זאָגן, פאַרשוואַרצט זאָל זיין די פרוי וואָס רייניגט נישט אָפּ די קליידער פון איר מאַן.

**טז. ועוד**, און אויך איז די פוילקייט גורם צו דער פרוי, אַז זי זאָל נישט מדקדק זיין אין איר נדות און אירע קינדער וועלן זיין בני נדה, און זי נעמט אַוועק זיך און איר מאַן פון עולם הזה און פון עולם הבא, און איר שטראָף איז זייער גרויס.

**יז. תנאי ו׳**, דער זעקסטער תנאי איז, די פרוי זאָל שטענדיג זיך פאָרשטעלן גלייך ווי איר מאַן שטייט פאַר איר, און

דאָס געשטאַלט פון זיין צורה זאָל זי האָבן פאַר אירע אויגן גלייך ווי ער איז אַ האַר, און אויב ער איז אָרים און גייט אָנגעקליידעט מיט צעריסענע קליידער, זאָל זי ביי זיך טראַכטן אַז ער איז ווי אַ האַר וואָס האָט פאַרענדערט זיינע קליידער כדי מען זאָל אים נישט דערקענען. דאָס וועט גורם זיין אַז די ליבשאַפט פון איר מאַן וועט זיך שטאַרקן אויף איר, און דאָס וועט צוברענגען אַז זי וועט האָבן קינדער זכרים, אַזוי ווי דער רבינו בחיי שרייבט.

**יח. ועוד,** און אויך אויב די פרוי טראַכט שטענדיג וועגן איר מאַן, פאַרמיידט עס איר פון אַלע שלעכטע זאַכן, פון געלעכטער און פון קלות ראש, וואָס זענען גורם זנות. דעריבער זאָלן אַלע מחשבות פון אַ פרוי זיין וועגן די באַדערפענישן פון הויז, און זי זאָל נישט רעדן צופיל מיט קיין שום מענטש אין דער וועלט, אַפילו מיט אירע קרובים.

**יט. תנאי ז׳,** דער זיבעטער תנאי איז, אַז די פרוי זאָל נישט צופיל רעדן פאַר איר מאַן. זי זאָל זיי אַזוי ווי אַ כלה אין דעם טאָג פון דער חופה, וואָס זי שעמט זיך צו רעדן אַ סאַך, ווייל א פרוי האָט אַ גרינגע דעה האָט זי נישט קיין סדר, און אירע מערערע רייד זענען אָן פאַרשטאַנד און איין זאַך געהערט נישט צו דער אַנדערער זאַך, און ווען איר מאַן זעט אַז זי האָט נישט קיין שכל, וועט ער זי פיינט האָבן. דעריבער זאָל זי נישט רעדן אַ סאַך, וועט זי דאָס אַלץ פאַררירכטן, און עס איז אַ פשיטא אַז זי זאָל נישט רעדן קיין מיאוס׳ע זאַכן אָדער ניבול פה. און עס איז אויך נישט רעכט וואָס די ווייבער זינגען פאַר די קינדער די נאַרישע לידער, וואָס אין דעם איז אָפט דאָ ניבול פה, וואָס דאָס אַלץ איז מטמא דעם גוף מיט דער נשמה.

**כ. וגם,** אויך האָבן די ווייבער אַ גרינגע דעה, און די רייד וואָס זי זינגט פאַר דעם קינד וואָס עס זענען דאָ נאַרישע זאַכן דערין, דורך דעם באַקומט זי שלעכטע מחשבות און דערפון קומען אַרויס פיל

שלעכטע זאַכן חס וחלילה. און אויך ווייל די פרוי געוואוינט זיך צו רעדן נאַרישע לידער, קומט זי דערצו אַז זי זאָל רעדן ניבול פה און איז מטמא איר מויל.

**כא. ויש,** עס זענען דאָ אַזעלכע ווייבער וואָס רעדן מיט קליינע קינדער שלעכטע רייד בשעת זיי שפּילן זיך מיט זיי, און זיי וועלן האָבן אַ גרויסע שטראָף פאַר דעם וואָס זיי טוען אַזוי, ווייל דאָס ווייזט אויף זייער שלעכטע טבע, אַז זיי גלוסטן אויסגעלאַסנקייט און זענען גורם אַז זייערע קינדער וועלן רעדן אַזעלכע מיאוס'ע רייד, ווייל ווען זיי ווערן אַזוי צוגעוואוינט, דאַכט זיך זיי אַז עס איז גאָר קיין עבירה נישט.

**כב. לכן,** דעריבער זאָל די פרוי געוואָרנט זיין מיט אַלע אירע רייד, אַז זיי זאָלן זיין מיט חן און מיט צניעות, און אויך זאָל זי נישט זאָגן איין זאַך צוויי מאָל, און זי זאָל נישט דערמאַנען קיין מיאוס'ע זאַך פאַר איר מאַן, ווייל דאָס איז גורם צו פאַרמיאוס'ן זיך ביי איר מאַן.

**כג. תנאי ח',** דער אַכטער תנאי איז, אַ פרוי זאָל נישט לויבן אַן אַנדערן מאַן פאַר איר מאַן, ווייל דורך דעם קען דער מאַן איר חושד זיין אַז זי האָט אים ליב און אַז דעריבער לויבט זי אים.

**כד. גם,** אויך זאָל זי נישט דערציילן פאַר איר מאַן וועגן דער שיינקייט פון אַן אַנדערן מענטש, אפילו פון זיינע קרובים אויך, צוליב דעם אויבן דערמאַנטן טעם, נאָר וועגן דער שיינקייט פון זיין פאָטער מעג זי יאָ דערציילן.

**כה. ולא,** אויך טאָר זי נישט דערציילן וועגן דער שיינקייט פון קיין שום פרוי, אַפילו ווען זי איז איר מוטער אָדער איר שוועסטער, כדי איר מאַן זאָל נישט קומען טראַכטן וועגן זיי.

**כו. וכל,** וואָס ווייניגער די פרוי קען רעדן, ברענגט דאָס אַלץ אַז זי זאָל האָבן מער חן ביי איר מאַן און זי איז

טייערער פון גינגאָלד.

**כז. תנאי ט׳,** דער ניינטער תנאי איז, די פרוי זאָל זיין געוואָרנט צורעכט מאַכן איר קאָפּ און ריינִיגן אירע נעגל, און עס זאָל נישט רינען פון איר נאָז, און אויב עס איז דאָ אין איר אַ פעלער זאָל זי אים פאַרדעקן פון איר מאַן ווי ווייט מעגלעך, און אויב זי האָט עפּעס אַ נגע זאָל זי עס נישט ווייזן פאַר איר מאַן, ווייל זי וועט פאַרמיאוס׳ט ווערן ביי אים. און אויב זי איז קראַנק זאָל זי זאָגן פאַר איר מאַן ווייניגער ווי זי פילט וועגן דער קראַנקהייט און זי זאָל זיך שטאַרקן פאַר אים, ווייל די אַלע זאַכן זענען גורם אַז זי זאָל זיין געליבט אין די אויגן פון איר מאַן, און זיין מחשבה זאָל זיין נאָר אויף איר, נישט אויף קיין פרעמדע, און דערמיט וועלן זיי זוכה זיין צו גוטע קינדער וואָס וועלן עוסק זיין אין תורה און מצוות.

**כח. וגם,** און אויך זאָל די פרוי טראַכטן ביי זיך אַז אין דער גאַנצער שטאָט איז נישטאָ קיין גרעסערער חשוב פון איר מאַן, כאָטש ער איז דער קלענסטער אין שטאָט, און זי דאַרף אים בעטן אַז ער זאָל פאַר זיך קובע זיין אַ צייט צו לערנען ווען ער איז ליידיג פון זיין אַרבעט, און אַלע אירע געדאַנקען זאָלן זיין אויף אירע קינדער, צו זיי דערציען אין דעם אויבערשטן׳ס וועג.

**כט. תנאי י׳,** דער צענטער תנאי איז, די פרוי זאָל זיין אַ צדיקת און אַ דערבאַרימדיגע איבער איר הויזגעזינד און איבער אָרעמעלייט, צו געבן זיי אויב זי האָט. און אויב זי האָט נישט, זאָל זי זיי איבערבעטן מיט גוטע רייד, אָבער צו אָרעמע מענער זאָל זי נישט צופיל רעדן, טאָמער וועלן זיי טראַכטן וועגן איר.

**ל. ותתרחק,** און זי זאָל זיך דערווייטערן פון אַזעלכע מדות וואָס די חכמים האָבן געזאָגט אַז אַ פרוי זאָל נישט האָבן אין זיך די דאָזיגע מידות, און דאָס זענען ווי פאָלגענד: די פרוי זאָל זיך דערווייטערן פון קלות ראש און זאָל נישט ווינקען מיט אירע אויגן.

אויך זאָל זי נישט יעדן איינעם פאָלגן, און אויך נישט פלוידערן און נישט מקנא זיין קיינעם, און נישט אַרומלויפן, ווייל פון קלות ראש קען זי קומען צו זנות, אַזוי ווי דער תנא האָט געזאָגט, שפּאָט און קלות ראש געוואוינען דעם מענטש צו זנות, בפרט אַ פרוי וואָס האָט אַ גרינגע דעה.

**לא. צייתנית,** אויך זאָל זי נישט זיין בייז ווען עמעצער זאָגט איר עפּעס אַ שלעכט וואָרט, עס קען דערפון קומען אַ גרויסע קריגעריי און זי וועט פאַרלירן איר כבוד.

**לב. ולא,** אויך זאָל זי נישט צופיל רעדן, ווייל דאָס קען איר ברענגען צו אַנטדעקן פאַרבאָרגענע זאַכן, און זי זאָל נישט מקנא זיין קיינעם.

**לג.** אויב די פרוי זעט אַז אַן אַנדערע פרוי האָט צירונג און זי האָט נישט, זאָל זי זיך נישט קריגן מיט איר מאַן, און זי קען חס וחלילה אַוועקגיין פון דער וועלט פאַר דער צייט.

**לד.** אויך אויב די פרוי גייט פון איר היים אין די פרעמדע הייזער איז זי גורם אַז אַנדערע מענטשן זאָלן געשטרויכלט ווערן דורך איר, און זי איז אַליין פוגם. מיר זעען עס פון דער מעשה פון דינה, וואָס ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב האָט שכם זי געכאַפּט און ער האָט איר געשענדעט. זעט מען דאָך אַז אַן ״אשה יצאנית״, אַ פרוי וואָס גייט אַרויס, ברענגט אַ פגם פאַר זיך און פאַר אירע קינדער.

**לה. וכל,** און אין די אַלע תנאים מוז אַ מאַן אויך זיין געוואָרנט, אין די זאַכן וואָס זענען נוגע צו אַ מאַן אַזוי ווי צו אַ פרוי, ווי כעס, אומרייינקייט און ניבול פה, און קנאה און תאוה, פון דעם אַלעמען מוז אַ מאַן זיך אויסהיטן.

## זאַכן אין וועלכע אַ פרוי דאַרף זיין געוואָרנט בשעת זי טובל'ט זיך און בשעת איר שוואַנגערשאַפט

**לו. גם,** אויך דאַרף די פרוי נזהר זיין אין איר טבילה, אַז זי זאָל רייניגן איר האַרץ פון שלעכטע מחשבות. און ווען זי גייט אַרויס פון דער טבילה זאָל זי נזהר זיין אַז זי זאָל נישט באַגעגענען קיין שום טמא'נע זאַך, קיין בהמה טמאה, אַ הונט אָדער אַן אייזל.

**לז.** עס שטייט אין ספר "**שערי דורא**", ווען אַ פרוי גייט אַרויס פון דער טבילה, זאָל איר חבר'טע איר צום ערשט באַגעגענען. אויב עס האָט זי באַגעגענט אַ הונט אָדער אַן אַנדערע טמא'נע זאַך, זאָל זי זיך נאָך אַמאָל טובל'ען כדי עס זאָל פון איר נישט אַרויסקומען קיין שלעכטע זאַך אָדער מיאוס'ע קינדער.

**לח. וכן,** אויך אויב זי האָט באַגעגנט אַן עם הארץ, זאָל זי זיך נאָך אַמאָל טובל'ען.

**לט. מעשה,** עס האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אלישע כהן גדול האָט קיין קינדער נישט געהאַט, האָט ער געבעטן דעם אויבערשטן און האָט געזאָגט, רבון העולמים, פאַרוואָס אַלע צדיקים האָבן קינדער און איך האָב נישט קיין קינדער? האָט דער אויבערשטער ברוך הוא אים געזאָגט, ווייל זיי זענען זיך נוהג בטהרה מיט זייערע ווייבער. האָט ער מיט זיין ווייב אויף זיך גענומען אַז זיי זאָלן זיך נוהג זיין בטהרה.

**מ. פעם,** איין מאָל איז זי געגאַנגען טבילה, האָט זי באַגעגנט אַ מצורע, האָט זי זיך נאָך אַמאָל געטובל'ט. האָט זי באַגעגענט אַ קעמל, האָט זי זיך ווידער געטובל'ט. דאָס זעקסטע מאָל האָט זי באַגעגענט אַ הונט, דאָס זיבעטע מאָל אַן אייזל, דאָס אַכטע מאָל אַ פערד, דאָס ניינטע מאָל אַן עם הארץ, דאָס צענטע מאָל אַ טערק, און אַלעמאָל האָט זי זיך ווידער גע'טובל'ט.

**מא. נכמרו,** האָט דער אויבערשטער ברוך הוא רחמנות געהאַט אויף איר, און האָט געזאָגט צו זיין מלאך אַז זי האָט זיך שוין גענוג מצער געוועזן, גיי און שטעל דיך פאַר איר און זי וועט געבוירן אַ זון אַ קדוש וטהור. אַזוי איז טאַקע געוועזן, עס איז צו איר געבוירן געוואָרן רבי ישמעאל כהן גדול, וואָס זיין הייליגקייט איז געוועזן גלייך צו אַ מלאך.

**מב. לכך,** די גמרא זאָגט אין מסכת ברכות, ר׳ יוחנן פלעגט זיצן אויף די טויערן פון טבילה כדי די ווייבער זאָלן אים צוערשט טרעפן.

**מג. ומנהג,** און דער מנהג איז, אַז אַ פרוי וואָס דאַרף גיין טבילה, זאָל ביים אַרויסקומען, באַגעגענען איר חבר׳טע וואָס גייט מיט איר צום הויז פון טבילה. און אויב זי האָט נישט קיין פרוי צו באַגעגענען, זאָל זי פאָרשטעלן פאַר אירע אויגן די צורה פון איר מאַן אָדער די צורה פון אַן אַלטן צדיק, וועט דאָס זיין גלייך ווי זי האָט באַגעגנט אַ פרומען מאַן.

**מד. גם,** אויך בשעת זי באַהעפט זיך מיט איר מאַן, זאָל זי טראַכטן אַז זי זאָל האָבן פרומע קינדער און תלמידי חכמים. און עס איז גוט אַז דער מאַן זאָל אָפּוואַרטן זיין ווייב, אַז נאָך דער טבילה זאָל זי אים באַגעגענען צוערשט.

**מה. ושמעתי,** און איך האָב געהערט אַז עס איז דאָ אַ לאַנד, וואָס די מקוה איז אין אַ אידישע הויף, כדי בשעת די פרוי גייט אַרויס פון דער טבילה זאָל זי באַגעגענען אַ איד, אַ מאַן אָדער אַ פרוי.

**מו. גם,** אויך מוז די פרוי זיין געוואָרנט זי זאָל שטענדיג זיין ריין, זי זאָל זיך טובל׳ען ווען עס קומט די צייט פון איר טבילה, אַפילו אויב איר מאַן איז נישט אינדערהיים. אַזוי שטייט אין ספר שערי דורא, און אַזוי האָט ר׳ שמעון איינגעפירט ביי זיין טאָכטער, זי זאָל זיך

טובל׳ען אַפילו אין ווינטער אין צייט פון איר טבילה, אַפילו אויב איר מאַן איז נישט אינדערהיים.

**מז. גם,** אויך דאַרף די פרוי געוואָרנט זיין אַז זי זאָל נישט אויפהאַלטן איר טבילה, אַפילו איין טאָג.

**מח. וצריך,** אויב די פרוי זעט אַז אין מקוה איז דאָ ווייניג וואַסער, מוז זי פרעגן אויב די מקוה האָט אַ שיעור מקוה.

**מט. גם,** אויך זאָל זי אין זינען האָבן בשעת זי טובל׳ט זיך, אַז דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל איר געבן אַ בן זכר וואָס זאָל זיין פרום, און זאָל נישט טוהן קיין שום עבירה, און ער זאָל זיין אָנגעגרייט צום אויבערשטן׳ס דינסט.

**נ. ובחדשי,** און אין די חדשים פון איר טראָגן, זאָל זי בעטן דעם אויבערשטן אַז דאָס קינד זאָל זיין געהעריג מיט זיינע איברים, און זאָל נישט זיין קיין נֵפל אָדער אַ קראַנקער, ווייל תפילה העלפט מבטל צו זיין די גזירה, ווי אונזער מוטער לאה, ווען זי האָט געטראָגן דאָס זיבעטע קינד, אויך אַ זכר, האָט זי געבעטן דעם אויבערשטן אַז דאָס קינד זאָל איבערגעקערט ווערן צו אַ נקיבה, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט.

**נא. גם,** אויך זאָל זי זיין געוואָרנט אין דער צייט פון איר טראָגן, אַז זי זאָל נישט זיין אין כעס, ווייל כעס איז שטענדיג שלעכט, און אַוודאי אין דער צייט פון טראָגן. דער כעס שאַדט צום קינד. עס איז מעגלעך אַז בשעת די מוטער׳ס כעס זאָל זי מפיל זיין חס וחלילה, און זי הרג׳עט אירע קינדער מיט אירע אייגענע הענט דורך איר כעס. ממילא איז צוליב איין רגע כעס האָט זי צער ווי לאַנג זי לעבט, ווייל אויב דאָס קינד איז חלילה אַ קראַנק קינד האָט זי צער מיט אים, און אויב זי איז מפיל צוליב דעם כעס, האָט זי דאָך אַוודאי צער דערפון.

**נב. גם,** אויך דאַרף די פרוי בשעת זי טראָגט, זיין געוואָרנט אין עסן,

ווייל שלעכטע עסנוואַרג שאָדט צום קינד.

**נג.** אין ספר **"ראשית חכמה"** שטייט, וואָס אַ פרוי זאָל עסן בשעת זי טראָגט דאָס קינד, און וועלכע מאכלים זי זאָל נישט עסן. די שלעכטע מאכלים פאַרנאַרישן דאָס קינד, ווייל דאָס קינד דערנערט זיך פון די מאכלים וואָס עס עסט.

**נד. ומעשה,** אין מדרש ווערט געברענגט אַ מעשה, אַ קעניגן האָט געגעסן אתרוגים בשעת זי האָט געטראָגן אַ קינד, און דערנאָך האָט זי געבוירן אַ טאָכטער וואָס האָט געשמעקט פון אתרוג.

**נה. גם,** אויך זאָל זי שטענדיג זיין געוואָרנט, בפרט אין טראָגן, אַז זי זאָל נישט אַריינגיין אין טמא׳נע ערטער, און אין ערטער וואו עס איז דאָ אַ שלעכטער ריח, ווייל דאָס קינד ווערט געבוירן מיט דעם געשטאַלט וואָס די מוטער האָט געקוקט דערויף בשעת איר טראָגן. אַמאָל האָט אַ פרוי געבוירן אַ שוואַרצן זוהן, ווייל אין איר צימער איז געווען אויסגעמאָלן די צורה פון אַ שוואַרצן מענטש.

**נו. גם,** אויך האָבן אונזערע חכמים זכרונם לברכה געזאָגט, צען זאַכן מאַכן פאַרגעסן דאָס לערנען, און איינע פון די צען זאַכן איז, אַז ער גייט אויף ערטער וואָס דאָרט איז דאָ אַ שלעכטער ריח. און אַ פרוי וואָס גייט בשעת איר טראָגן אין מיאוס׳ע ערטער, ווערט דאָס קינד געבוירן אַלס אַ נאַר, ווייל דער מיאוסער ריח מאַכט פאַרטומלען דאָס בלוט.

**נז. אלא,** דעריבער זאָל די טראָגענדיגע פרוי זיצן אין הייליגע און ריינע ערטער, אין שוהלן און אין בתי מדרשים, און זי זאָל שטענדיג זען תלמידי חכמים און פרומע אידן, וואָס זענען עוסק אין מצוות, און זי זאָל הערן דברי תורה. דורך דעם ווערט דאָס קינד געהייליגט אין איר, אַזוי ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט אַז ווען דאָס קינד איז אין דעם בויך פון דער מוטער הערט עס אַלץ.

**נח. כעובדא,** אין דער גמרא ווערט געברענגט אַ מעשה, אַ טראָגעדיגע פרוי האָט געגלוסט צו עסן אין יום כיפּור, האָט מען איר איינגערוימט אין אויער אַז היינט איז יום כיפּור, האָט זי שוין מער נישט געגלוסט, און דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ גרויסער צדיק. אַן אַנדערע פרוי האָט אויך געגלוסט צו עסן אין יום כיפּור, און מען האָט איר אויך איינגערוימט אין אויער אַז עס איז יום כיפּור, און איר גלוסטעניש איז נישט איינגעשטילט געוואָרן, און זי האָט געמוזט עסן. איז דאָס קינד דערנאָך געווען אַ רשע.

**נט. לכן,** דעריבער זאָל די טראָגעדיגע פרוי זיצן אין הייליגע ערטער, כדי זי זאָל שטענדיג הערן דברי תורה, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט אויף דעם תנא ר׳ יהושע בן חנניא, וואויל איז זיין מוטער, ווייל זיין מוטער האָט אים דערצויגן אין בית המדרש, און דאָס קול פון תורה גייט אַריין אין די אויערן פון קינד, און הייליגט אַלע זיינע איברים.

**אַ פרוי וואָס האָט נישט קיין קינדער, זאָל זיך נישט מייאש זיין פון מִדת הרחמים, נאָר זי זאָל זיין זיכער אַז זי וועט געהאָלפן ווערן מיט קינדער.**

**ס. גם,** אויך אויב אַ פרוי איז שוין נישט יונג און האָט נאָך נישט קיין זוהן, זאָל זי זיך נישט מייאש זיין, און זי זאָל מתפלל זיין און טון מצוות און גוטע מעשים, וועט דער אויבערשטער פאַר איר באַנייען די טעג אַזוי ווי ער האָט באַנייט צו אונזער מוטער שרה, וואָס זי איז אַלט געווען ניינציג יאָר ווען זי האָט געבוירן איר זוהן יצחק.

**סא. גם,** אויך אויב אַ פרוי האָט געהאַט קינדער און האָט אויפגעהערט צו האָבן נאָך קינדער, זאָל זי זיך נישט מייאש זיין, ווייל דער אויבערשטער קען איר העלפן אַז זי זאָל נאָך האָבן קינדער, אַזוי ווי יוכבד האָט געבוירן משה רבינו עליו השלום צו הונדערט און דרייסיג יאָר.

**סב. וכמה,** עס איז אַ גרויסער וואונדער אויף די ווייבער וואָס זענען אַלט פערציג יאָר, און האָבן נישט געהאַט קיין קינד, זענען זיי זיך שוין מייאש פון צו בעטן דעם אויבערשטן, און זיי ברענגען זיך נישט אַ ראיה פון שרה און יוכבד, וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן קינדער אויף דער עלטער. נאָר די פרוי דאַרף אייביג האָבן בטחון אויף דעם אויבערשטן ברוך הוא, אַז ער קען איר העלפן אויף דער עלטער מיט אַ קינד.

**עס איז נישט ריכטיג פאַר אַ מאַן אָדער אַ פרוי וואָס האָבן נישט קיין קינדער ל״ע, צו פאַרמערן מיט תעניתים און מיט תפילות אַז זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט קינדער.**

**סג. גם,** אויך זאָל די פרוי נישט פאַרמערן צו פאַסטן שטענדיג איבער קינדער, נאָר זי זאָל מקבל זיין באהבה די גזירה פון השם יתברך און זאָל שטענדיג מתפלל זיין פאַר דעם אויבערשטן אָן פאַסטן. פאַסטן שאַדט צו קינדער, און עס איז מבטל די פרוי פון צו טוהן די באַדערפעניש פון איר הויז, און דורך דעם קומט מחלוקת אין שטוב.

**גם,** אויך דאַרפן מאַן און ווייב נישט צופיל מתפלל זיין אויף קינדער, ווייל אַ סאַך מענטשן האָבן געטוהן פיל תפילות, און צום סוף האָבן זיי געהאַט נישט קיין גוטע קינדער, מיט שלעכטע מידות.

**סד. ושמעתי,** און איך האָב געהערט פון אַ מאַן אַ גרויסן חכם, אַז אַמאָל פאַרמיידט השם יתברך קינדער פון אַ פאָרפאָלק, כאָטש זיי זענען צדיקים, ווייל זייער מזל איז צו האָבן שלעכטע קינדער און דער אויבערשטער וויל זיי נישט אָנטוהן קיין צער, גיט ער זיי נישט קיין קינדער. נאָר אַז זיי זענען אַ סאַך מתפלל, טוט דער אויבערשטער נאָכגעבן זייער געבעט, און ער גיט זיי קינדער, אָבער די קינדער זענען שלעכט, ווי מען זעט אַמאָל פרומע און ערליכע אידן וואָס האָבן שלעכטע קינדער. דעריבער איז בעסער פאַר דעם מאַן

און ווייב אַז זיי זאָלן נישט צופיל מתפלל זיין אויף קינדער, ווייל עס איז נישט גוט צופיל צו בעטן דערויף.

### די מעלה פון אַ קינדערלאָזע פרוי וואָס זי גיט רשות צו איר מאַן חתונה צו האָבן מיט אַן אַנדערע פרוי כדי צו געבוירן קינדער

**סה. כמה,** ווי גרויס איז דער שכר אויף עולם הבא צו דער פרוי וואָס איז אַן עקרה, אָדער אירע קינדער זענען געשטאָרבן, און זי איז שוין אַלט, און נעמט אַ גט פון איר מאַן מיט איר גוטן ווילן, ווייל דערמיט איז זי מקרב די גאולה, און אויך ווערלן דעמאָלט אַלע עקרות האָבן קינדער. און אַמאָל קען זיין, אַז אין דעם זכות וואָס זיי געבן רשות צו זייערע מענער אַז זיי זאָלן נעמען אַנדערע ווייבער, ווערן זיי אַליין אויך נפקד דורך דעם זכות, און דאָס האָט זיך שוין אַסאַך מאָל געטראָפן.

**ומעשה,** און אַ ראיה דערויף איז פון שרה, וואָס זי האָט געגעבן הגר צו אברהם, און לאה האָט געגעבן זלפה צו יעקב, און רחל האָט געגעבן בלהה, זענען זיי אַליין אויך געהאָלפן געוואָרן דורך דעם זכות.

### אַ תפילה וואָס עס זאָל זאָגן די פרוי וואָס האָט זוכה געווען צו אַ זוהן און זי ברענגט אים צו אַ ברית מילה

**סו. ואחר,** און דערנאָך, אַז די פרוי האָט זוכה געווען צו אַ זון, זאָל זי מתפלל זיין, אַז זי זאָל זוכה זיין אים צו מל׳ען, און זי זאָל אין זינען האָבן, אַז זי גיט אים מל צו זיין צוליב דעם אויבערשטנ׳ס הייליגן נאָמען, און זי זאָל מתפלל זיין די פאָלגענדע תפילה:

**יהי רצון,** עס זאָל זיין דער ווילן פון דיר, אַז אַזוי ווי ער איז איצט באַוויליגט פאַר דיר, ווייל ער האָט נישט קיין שום עבירה, אַזוי זאָל ער שטענדיג זיין באַוויליגט פאַר דיר, ער זאָל נישט פוגם זיין

זיין ברית, און דו זאָלסט אים נישט ברענגען צו קיין נסיון, און צו קיין בזיון, און ער זאָל שטענדיג זיין געזונט צו דיין דינסט, און דיין פאָרכט זאָל שטענדיג זיין אויף אים. ער זאָל נישט אָפּטון זיין דיעה פון דיין תורה און פון דיינע מצוות ביז זיין טויט. און דו זאָלסט אים אָנגרייטן זיין פרנסה פון דיין האַנט, און נישט דורך אַ בשר ודם, און ער זאָל נישט דאַרפן נעמען אַ קצבה פון מענטשן ביז זיין טויט. אַז ער וועט זוכה זיין צו אַן עלטער, זאָל זיין דער ווילן פון דיר אַז עס זאָל אויף אים נישט קומען קיין יסורים, און עס זאָל אים נישט טרעפן קיין קראַנקהייט, און דו זאָלסט אים ראַטעווען פון אַלע שלעכטע טרעפונגען, און ער זאָל שטענדיג זיין אָנגעגרייט צו טוהן דיין ווילן, און דו זאָלסט געבן אין זיין האַרץ ער זאָל טוהן דיין ווילן, און ער זאָל נישט קומען צו קיין מכשול, נישט אין דברי תורה און נישט אין וועלטליכע באַדערפענישן, און קיין פעלער זאָל אין אים נישט פאַלן צוליב קראַנקהייט. און שענק אים אַן עלטער מיט זין און טעכטער, אַז ער זאָל זען זייער חופה, און זיי זאָלן לערנען תורה און טוהן מצות, און זיין טויט זאָל נישט זיין פון אַ שווערע קרענק, און ער זאָל קומען אין קבר אַריין גאַנץ מיט אַלע אברים, אמן.

**עד,** אַזוי זאָל די מוטער מתפלל זיין אין דער צייט ווען זי גיט איר קינד צו מל׳ען, ווייל דעמאָלט איז אַן עת רצון.

## די פירונג פון אַ אידישע פרוי מיט איר קליינעם זוהן – ווי אַזוי זי זאָל אים דערציען.

**סז. גם,** אויך זאָל די פרוי זיך פירן מיט איר קינד, אַז ווען ער ליגט אין וויגל, זאָל זי מיט אים נישט זינגען קיין נאַרישע לידער, ווייל דערפון ווערט באַשאַפן אַ רוח רעה, נאָר זי זאָל מיט אים זינגען אַזעלכע געזאַנגען וואָס רעדן פון מוסר, און ווי אַזוי אַ מענטש מוז אָפּגעבן אַ דין וחשבון פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא. און ווען דאָס קינד הייבט אָן צו רעדן, זאָל זי אים צוגעוואוינען ער זאָל זאָגן **״תורה**

**צוה לנו משה״**, און נאָך ענליכע פסוקים, אַזוי ווי דער רמב״ם שרייבט.

**סח. ותגד**, און זיין מוטער זאָל אים זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס האָט אים באַשאַפן, און ער איז דער האַר פון אַלע באַשעפענישן, און ער מאַכט לעבן, און ער טייט, און וועט לעבעדיג מאַכן די טויטע, ווען משיח וועט קומען מיט׳ן אויבערשטן׳ס ווילן.

**סט. וירגיל**, און דאָס קינד זאָל זיך איינגעוואוינען אין זיין מויל די דרייצן **״אני מאמין״**, און זי זאָל אים דערציילן וועגן דעם גן עדן, אַז דער מענטש וואָס לערנט תורה באַקומט זיין באַלוינונג אין גן עדן, און זי זאָל פאַר אים אויסמאָלן דעם ענין פון גן עדן אויף אַן אופן אַז דאָס קינד זאָל קענען פאַרשטיין.

**וערב**, און ביינאַכט, אינדערפרי און מיטאָג, זאָל זי אים געוואוינען, אַז ער זאָל זאָגן אמן איידער ער וועט עסן און טרינקען, כדי צו געוואוינען אים אַז ער זאָל געבן אַ לויב צו זיין באַשעפער פאַר זיין עסן און טרינקען, און אַז ער ווערט גרעסער, זאָל זי אים געוואוינען ער זאָל מאַכן די ברכה ״על נטילת ידים״, און די ברכה ״אשר יצר״, און די ברכות וואָס מען דאַרף מאַכן איבער פירות, און נאָך ענלעכעס.

**ע. ותמיד**, און זי זאָל שטענדיג אַכטונג געבן אַז ער זאָל נישט עסן אומגעוואַשן, און אויך זאָל זי מיט אים מדקדק זיין ער זאָל נישט אַרויסברענגען פון זיין מויל אומריינע רייד, און זי זאָל אים דערפאַר שטראָפן, און זי זאָל נישט זאָגן אַז ער איז נאָך קליין, ווייל אַז ער וועט געוואוינט ווערן צו עסן אומגעוואַשן, וועט דאָס פון אים שוין נישט אָפגעטוהן ווערן, און די אַלע טירחות וואָס זי וועט זיך מיט אים מטריח זיין יעצט, וועט עס זי דערנאָך מאַכן פרייען זיך אין עולם הזה און אין עולם הבא.

**עא. ואם**, אָבער אויב זי וועט אים חס ושלום געוואוינען צו שלעכטס, וועט ער באַקומען אַזאַ טבע, אַז אַפילו ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער דערביי בלייבן, און וועט שוואַרץ מאַכן זיין פנים אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. און אַז זיי וועלן אים וועלן שטראָפן גרויסערהייט, וועלן זיי שוין נישט קענען. דעריבער זאָל זיין רוט זיין שטענדיג אויף אים, און ער זאָל זיך נישט דערבאַרעמען איבער אים, אַזוי ווי שלמה המלך ע"ה האָט געזאָגט, "**חושך שבטו שונא בנו**", דער מענטש וואָס פאַרמיידט זיין רוט און שטראָפט נישט זיין קינד, און לערנט אים נישט, דער דאָזיגער האָט פיינט זיין זוהן, און די אַלע זאַכן זענען אַ חיוב אויף דער מוטער אַז זי זאָל אים לערנען קליינערהייט, ווייל זי איז שטענדיג מיט אים צוזאַמען, אָבער דער פאָטער גייט אַרויס זוכן פרנסה.

## פרויען וואָס זיצן צוזאַמען און רעדן נאַרישקייטן, דאַרף מען מוחה זיין קעגן זיי.

**עב. ובענין**, און וועגן די ווייבער, וועלכע קומען זיך צוזאַמען צו רעדן, און זענען עוסק אין נאַרישקייטן, און רעדן לשון הרע, ניבול פה, דאַרפן די מענער זיי צעשיידן, און אַוודאי געוויס אויב צווישן זיי איז פאַראַן אַ שלעכטע פרוי, וואָס זי דערציילט זיי אַז זי שעלט איר מאַן, און זי האָט קיין מורא נישט פאַר אים, און די ווייבער וואָס הערן דאָס, לערנען זיך אָפּ פון איר און איין פרוי מאַכט שלעכט אַלע אַנדערע.

**עג. לכן**, דעריבער, דער וואָס הערט דאָס, מוז אָנשרייען אויף די שלעכטער פרוי, און ער זאָל זי שטראָפן און זאָגן, דו גייסט נישט אין גוטן וועג, ווייל דער רצון פון דעם אויבערשטן ברוך הוא איז אַז די ווייבער זאָלן זיין אונטערטעניג צו זייערע מענער. ער זאָל איר זאָגן אַזעלכע שטראָף-רייד וואָס וועלן אַריינגיין אין אירע אויערן, און ער זאָל איר ווייזן אַז דאָס וואָס זי האָט פריער געטוהן איז געווען אַן

עבירה כדי זי זאָל זיך אונטערגעבן אונטער דעם יאָך פון איר מאַן, און זי זאָל טוהן וואָס איר מאַן וועט איר הייסן, און דורך דעם וועט זי זוכה זיין צו עולם הבא מיט אונזערע מוטערס שרה, רבקה, רחל, און לאה.

**עד. וראוי,** ווען צוויי ווייבער קומען זיך צוזאַמען, און אַוודאי ווען אַסאַך ווייבער זענען צוזאַמען, דאַרפן זיי שמועסן וועגן דעם ווי אַזוי זיי זאָלן מדריך זיין זייערע קליינע קינדער.

**עה. וגם,** אויך זאָלן די ווייבער זיך לערנען איינע די אַנדערע ווי אַזוי מען קאָכט ריכטיג דאָס עסן, און די מלאכות וואָס געהערן צו צרכי הבית. אויך זאָל איינע לערנען מיט די אַנדערע ווי אַזוי זיי זאָלן היטן די דינים פון נדה, ווייל די אַלע זאַכן זענען גורם אַז זיי זאָלן האָבן גוטע קינדער.

## פאַרשידענע וואָרענונגען פאַר פרויען וואָס גייען משמח זיין אַ חתן און אַ כלה

**עו. עוד,** די ווייבער וואָס גייען אויף אַ חתונה, זאָל זייער גיין זיין, כדי משמח צו זיין חתן-כלה, און זיי זאָלן לוסטיג זיין פאַר דער כלה, אָבער נישט פאַר דעם חתן, און נישט פאַר קיין שום מאַן, כדי זיי זאָלן חלילה נישט געשטרויכלט ווערן, און זיי זאָלן זיך נישט ווייזן פאַר קיין שום מענטש, נאָר זיי זאָלן זיין אין דעם הויז פון דער כלה, און זיי זאָלן נישט טאַנצן פאַר קיין שום מאַן, נאָר פאַר די כלה, אַז קיין מאַן זאָל זיי נישט זען, און זיי זאָלן נישט זינגען פאַר די כלה מיט אַ הויך קול וואָס מענער קענען עס הערן, נאָר זיי זאָלן זינגען מיט אַ נידעריג קול, און אַזוי וועלן זיי מקיים זיין אינגאַנצן די מצוה.

## זאַכן וואָס זענען שייך פאַר אידישע הייבאַמס, און אַ תפילה וואָס זיי זאָלן זאָגן ווען זיי גייען צום הויז פון אַ פרוי וואָס גייט געבוירן אַ קינד.

**עז. דברים,** די זאַכן וואָס געהערן צו די הייבאַמס, זיי זאָלן מתפלל

זיין, אַז עס זאָל דורך זיי קיין שלעכטע זאַך נישט אַרויסקומען, און בשעת זיי גייען צו אַ געווינערין, זאָלן זיי מתפלל זיין:

**יהי רצון,** עס זאָל זיין דער ווילן פון דיר, באַשעפער, אַז עס זאָל נישט קומען קיין שום תקלה דורך מיר, און עס זאָל פאַר דיר דערמאַנט ווערן דער זכות פון דער דאָזיגער פרוי, וואָס זי טוט שרייען אין איר ווייטאָג. און אויב זי האָט עפּעס אַ זינד, זיי איר מוחל, און מעק איר אָפּ דערמיט וואָס זי איז זיך מצער מיט די חבלי לידה. און עס זאָל אַרויפגיין איר געשריי ביז דיין כסא הכבוד, און פאַרמאַך דאָס מויל פון די וואָס זענען מקטרג אויף איר, און אַלע אירע גוטע מליצים זאָלן אַריינגיין פאַר דיר, אַזוי ווי דיין מדה איז צו טוהן גוטס סיי צו אַ צדיק און סיי צו אַ רשע, און דיין רחמנות זאָל זיך דערבאַרעמען אויף איר, ווייל דו ענטפערסט אין דער צייט פון אַ צרה, דו ביסט אַ דערבאַרעמדיגער קעניג, און דו דערבאַרעמסט זיך איבער אַלע. דו לייזט אויס און דו טוהסט ראַטעווען. דו הערסט די תפילות, און דו ענטפערסט.

**עח. ותאמר,** די הייבאַם זאָל זאָגן צו דער געווינערין, דו זאָלסט וויסן מיין טאָכטער, אַז דיין באַשיצונג איז נישט איבערגעגעבן אין מיין האַנט, נאָר ביי דעם וואָס האָט דיך באַשאַפן, און טו דיין בטחון אין אים, ווייל דער שליסל פון אַ יולדת איז אין דער האַנט פון אויבערשטן, וואָס ער איז דיין האַר, און דיין באַשיצונג איז אין זיין האַנט.

**עט. ועוד,** אויך זאָל זי איר זאָגן, מיין טאָכטער, אויב דו האָסט געטוהן עפּעס אַן עבירה, זאָלסטו האָבן חרטה אויף איר, ווייל דער אויבערשטער איז אַ דערבאַרעמדיגער גאָט, ער וויל אַז דער מענטש זאָל תשובה טוהן.

**פ. וטוב,** און עס איז גוט אַז ווען די פרוי הייבט אָן צו קריגן ווייען, זאָל זי נעמען אויף זיך אַ מצוה וואָס זי זאָל היטן, און עס

איז גוט איר מתיר נדר צו זיין טאָמער זי האָט אַמאָל געשוואוירן אָדער אַ נדר געטוהן צו טוהן עפּעס אַ זאַך, און זי האָט עס נישט מקיים געווען.

**פא. גם,** אויך זאָל די הייבאַם נישט דערמאַנען קיין שם, אַזוי ווי זיי פלעגן זיך נוהג זיין אַז ווען אַ פּרוי האָט געבוירן אַ זכר, האָט די הייבאַם געזאָגט **"הודו לה' כי טוב"**, לויבט צו דעם אויבערשטן. דאָס האָט זי געזאָגט מיט איינגעשמירטע הענט, זאָל זי אַזוי נישט טאָן, נאָר זי זאָל פריער אָפּוואַשן אירע הענט, און זי זאָל זיך אַביסל אָפּרוקן פון דער געווינערין, און זי זאָל זאָגן "הודו לה'", לויבט צו דעם אויבערשטן.

**וגם,** די געווינערין אַליין דאַרף אויך נישט דערמאַנען דעם שם, נאָר זי זאָל מכוין זיין איר האַרץ צו דעם אויבערשטן, ער זאָל זיך אויף איר מרחם זיין. נאָר עס איז אַביסל שווער צו זאָגן עס בשעת מעשה צו דער געווינערין, ווייל צוליב איר צער ווער וועט איר קענען איינהאַלטן? זאָל מען איר כאָטש אויסלערנען, אַז זי זאָל דערמאַנען דעם "שם" אויף לשון הקודש. אָבער די הייבאַם זאָל נישט דערמאַנען דעם שם אַפילו אויף אידיש, ביז זי וועט אָפּוואַשן אירע הענט.

## תפילות פאַר אַ פרוי ווען עס ווערט ביי איר געבוירן אַ קינד

**פב. וצריכה,** און די פרוי, נאָך דעם ווי זי האָט געבוירן אַ זכר אָדער אַ נקבה, מוז געבן אַ לויב צום אויבערשטן ברוך הוא.

און אַזוי זאָל זי זאָגן:

***יהי רצון,*** עס זאָל זיין דער ווילן פון אויבערשטן, מיין גאָט און דער גאָט פון מיינע עלטערן, דערבאַרעמדיגער קעניג, אַזוי ווי דו האָסט מיך איצט געראַטעוועט פון סכנה, אַזוי זאָלסטו טוהן מיט מיר אַ צייכן צום גוטן יעדן מאָל ווען איך וועל געבוירן אַ קינד.

**פג. וכשתקום,** ווען זי שטייט אויף פון דעם בעט זאָל זי זאָגן:

**יהי רצון,** עס זאָל זיין דער ווילן פון דיר, באַשעפער, אַז דו זאָלסט אָנגרייטן שפייז צו דעם קינד, ער זאָל האָבן גענוג צו זייגן, און מאַך גרינג דעם שלאָף ביי מיר, אַז אין דער צייט ווען ער ווערט וויינען זאָלסטו עפענען מיינע אויערן איך זאָל תיכף דערהערן, און זיי מיך מציל אַז מיין האַנט זאָל אויף אים נישט פאַלן בשעת׳ן שלאָף, אַז ער זאָל חלילה נישט שטאַרבן.

**עד כאן,** ביז אַהער האָב איך געשריבן פאַר די ווייבער, און איך האָב נישט מאריך געווען, ווייל דער בעל ״**ראשית חכמה**״ האָט שוין דערפון אַסאַך געשריבן.

**דער מאַן און די פרוי זאָלן זיין מיט איין האַרץ, וכו׳.**

**פד. הכלל,** דער כלל וואָס אַלץ הענגט אָן דערין איז, אַז דאָס האַרץ פון מאַן און ווייב זאָל זיין אַזוי ווי איינס און צוזאַמענגעקניפט מיט ליבשאַפט, ווייל דער מאַן און זיין ווייב ווערן גערעכנט אַזוי ווי איין גוף, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״**והיו לבשר אחד**״, און זיי זאָלן זיין צו איין לייב. און אַ מאַן אָן אַ ווייב איז אַ האַלבער גוף, אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט.

**ובהיותם,** און אויב זיי זענען אַזוי ווי איין לייב, קומט נישט קיין פלאָג אין זייער געצעלט, און אַלע קינדער וואָס זיי ווערן געבוירן וועלן זיין גוט, אַלע וועלן זיין צדיקים.

**באופן,** כדי די שכינה זאָל רוען צווישן זיי, און זיי זאָלן אויסלעבן זייערע יאָרן אין גוטסקייט און זיסקייט, און עס זאָל זיי נישט דערגרייכן קיין שום שאָדן, מוז צווישן זיי זיין אַן אמת׳ע ליבשאַפט, אַזוי ווי פריער איז געשטאַנען.

**וברוך,** געלויבט איז דער אויבערשטער אויף אייביג, אמן ואמן.

❀ ❀ ❀

## הוספות והערות

## פרק א

### דער ריכטיגער וועג צו שלום בית

**פון הייליגן ספר פלא יועץ**

**אהבת** איש ואשה. עס איז אַ נאַטירלעכע פליכט, אַז מאַן און ווייב זאָלן זיך ליב האָבן. ערשטנס וועלן מיר אַרומרעדן וועגן די ליבע פון מאַן צו דער פרוי. אונזערע חכמים ז״ל זאָגן אַז עס ליגט אַ חוב אויפן מאן ליב צו האָבן זיין ווייב, פונקט ווי זיך אַליין, און איר מכבד זיין מער ווי זיך, אָבער מען טאָר זיך נישט לאָזן שטערן פון עבודת השי״ת וכו׳, ווי עס שטייט אין פרקי אבות ״אל תרבה שיחה עם האשה וכו׳ ובוטל מדברי תורה וכו׳״, רעד נישט צו פיל מיט אַ פרוי, כדי דו זאָלסט נישט צושטערט ווערן פון לערנען תורה. דעריבער די עיקר אהבה צו א פרוי דאַרף זיין אַ אהבת נפש, עס ליגט אויפ׳ן מאַן אַ פליכט צו זאָגן מוסר די פרוי דורך שיינע און גלאַטע רייד, און איר מדריך זיין אין די ריכטיגע וועגן, ווי צניעות, דערווייטערן פון לשון הרע, כעס, קללות, שבועות א.ד.ג., איר אויסלערנען די הלכות פון ברכות, מצות שבת, נדה, חלה, און איר דערקלערן די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון די מצוות, ווי אויך די גרויסע שטראָף אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט וואָס מען באַקומט ווען מען איז מזלזל אין די מצוות. און אַז מ׳וועט אַזוי טאָן וועט זי זיין זייער פאָרזיכטיק, און זי וועט אַכטונג געבן מקיים צו זיין די מצוות. און דעם וועמען השי״ת באַגליקט מיט אַ קלוגע און גוטע ווייב, וועט ער איר זיכער מכבד זיין און ליב האָבן.

**אָבער** אויך ווען זיין גורל איז צו האָבן אַ שלעכטע ווייב, דאַרף ער זיך אויך באַהערשן און לעבן מיט איר אין פרידן און פריינדשאַפט, און זאָל געדענקען די ווערטער פון חז״ל ״נשים דעתן קלות״, ווייבער האָבן אַ לייכטזיניגן פאַרשטאַנד, דעריבער, זאָל ער האָבן שכל, און ווען זיין ווייב דערצאָרנט אים, זאָל ער שווייגן און

נישט ווערן אין כעס, און אַוודאי נישט שעלטן, און ווער רעדט נאָך פון דעם נידערטרעכטיגן טאַט פון שלאָגן ח״ו, נאָר ער זאָל איר מוכיח זיין מיט פרידליכע און גוטע רייד, און איר איבערצייגן ווי שלעכט זי פירט זיך אויף.

**עס** איז באַקאַנט דער מאמר חז״ל אַז ווער עס האָט אַ שלעכטע ווייב, דער קומט נישט אין גיהנם, דעריבער זאָל ער זיין צופרידן וואָס ער קומט אָפּ אַזוי לייכט די שרעקעדיגע, און פייערדיגע יסורי גיהנם. אויך זאָל ער זוכן אויפצואוועקן די ליבשאַפט פון זיין פרוי, און אַזוי אַרום זאָל ער האָבן באַליבטע קינדער (און נישט ח״ו בני שנואה, קינדער פון האַס).

**דער** בעסטער וועג צו פאַרמיידן קריגערייען איז, נישט מדקדק זיין אויף די אויסגאַבן פון הויז, נאָר יעדער לויט זיין מעגלעכקייט און פאַרמעגן זאָל באַזאָרגן די אַלע באַדערפענישן, און שפּייזן זיין פאַמיליע בדרך כבוד, און מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז שלום בית איז זייער אַ גרויסע זאַך, השי״ת לאָזט אויסמעקן זיין הייליגן נאָמען כדי צו דערהאַלטן די שלום צווישן מאַן און ווייב.

**דער** מאַן זאָל נישט אַוועקפאָרן און איבערלאָזן זיין ווייב אויף אַ לענגערע צייט, ווייל אויסער דעם וואָס דערמיט טוט ער פאַר זיך אַליין אויך שלעכטס, אַזוי ווי מיר וועלן אי״ה נאָך אַרומרעדן וועגן דעם, איז ער נאָך גורם צער פאַר די פרוי, ווייל, וויבאַלד זי האָט אים ליב, איז ער איר גורם צער מיט זיין אַוועקפאָן. און אויב עס איז זייער וויכטיק אַוועקצופאָרן, זאָל ער אָפט שרייבן בריוו און קויפן מתנות, און דערקוויקן איר האַרץ.

**אויף** די פרוי ליגט אַ פליכט אָפּצוגעבן כבוד און ליב האָבן איר מאַן, זי דאַרף אים מכבד זיין ווי אַ קעניג, און דערפילן זיינע וואונטשן, אויך די פרוי דאַרף זיין איר ליבשאַפט אהבת נפש צום מאַן אַ אים אַרויסהעלפן דינען השי״ת, אים שטאַרקן און טרייסטן פון זיינע

שמערצן, און מיט גוטע רייד אים מעורר זיין צו עבודת השי״ת, לערנען די הייליגע תורה, און נישט ח״ו שטערן דאס לערנען, אָדער אים צוריקהאַלטן פון עבודת הבורא. זי זאָל זיך פירן בדרך צניעות און זיך שיין באַצירן פאַר איר מאַן, כדי ער זאָל נישט טראַכטן וועגן קיין אַנדערע ח״ו, און אויב זי וועט זיך אַזוי אויפפירן, דעמאָלט וועט זי זיכער געפינען חן ושכל טוב אין די אויגן פון איר מאַן.

**אָבער,** אויך אַ פרוי וואָס האָט אַ שלעכטן מאַן, טאָר זי אים נישט גרינגשעצן, און אים דערנידערן. זי דאַרף וויסן און געדענקען אַז השי״ת האָט אָנגעזאָגט אַז די פרוי זאָל שעצן און מכבד זיין דעם מאַן, און אַזוי ווי השי״ת האָט איר געגעבן דעם מאַן, דאַרף זי זיך בייגן פאַר אים, און דערפילן איר פליכט, און זי זאָל שטרעבן אויסצוגעפינען דעם וואונטש פון איר מאַן, ווי מיר געפינען אין גמרא ״אין לך אשה כשרה בנשים אלא מי שעושה רצון בעלה״, אַ ערליכע פרוי איז די וועלכע דערפילט דעם ווילן פון איר מאַן.

**מיר** געפינען אויך אין דער גמרא, אַז אַ פרוי האָט אַמאָל געשלאָגן אויפ׳ן קאָפּ פון בבא בן בוטא כדי צו דערפילן דעם רצון פון איר מאַן, און בבא בן בוטא האָט זיך נישט אויפגערעגט אויף איר, וויסנדיק, אַז זי טוט דערמיט דעם ווילן פון איר מאַן, נאָר האָט איר געבענטשט אַז זי זאָל זוכה זיין צו האָבן קינדער תלמידי חכמים.

**עס** זענען פאַראַן נאַרישע פרויען, וועלכע קריגן זיך מיט זייערע מענער, ווייל זיי האָבן נישט פאַרשאַפט זייערע הויכע געברויכן. אָבער ווי נאַריש זענען די ווייבער, וואָס נישט גענוג וואָס דער מאַן פלאָגט זיך נאך פרנסה, און ליידט בושות פאַר זיין אָרעמקייט, וואָס ער שעמט זיך צו דערציילן, איז אַנשטאָט צו האָבן פאַרשטאַנד און איינזעעניש, און נישט צוגעבן נאָך צער און בושה, איז זי אים נאָך מער מצער. זי זאָל אים נאָר טרייסטן מיט ליבליכע ווערטער, און אים זאָגן ״מאַטער זיך נישט, איך באַגנוג זיך מיט דעם וואָס איך האָב, השי״ת

פאַרלאָזט דאָך קיינעם נישט, און מיר וועלן נאָך דערלעבן בעסערע צייטן. ער וועט אונז נאָך געבן מזל און ברכה". און אויב זיין מזל וועט אויפשיינען און זוכה זיין צו עשירות, און ער וועט דאָך זיין אַ קאַרגער, דאַרף עס איר נישט אַרן, זי זאָל געבן אויפ'ן טיש וויפל געלט ער גיט איר, זי קען דאָך נישט מער פאַרלאַנגען. און וועגן אירע קליידער און דאָס גלייכן, זאָל זי געדענקען די ווערטער פון קלוגן שלמה המלך ע"ה, אַז עס איז בעסער שלום ביי אַ שטיקל טרוקן ברויט, ווי קריגערייַ און מחלוקת ביי אַ הויפן גאָלד. און אָפט טוען די פרויען איבערשעצן די פאַרמעגן פון זייערע מענער, און פאָדערן פון זייערע מענער מער וויפל זיי פאַרמאָגן.

**אויך** דאַרף די פרוי האָבן שכל, און פיל מאָל נישט רעאַגירן אויף די קריגערייען פון איר מאַן, וואָס ער טוט צוליב דעם וואָס ער האָט צער און עגמת נפש פון עפעס אַנדערש, און לאָזט אויס דעם כעס קעגן זיין ווייב. דעריבער זאָל זי זיך נישט מאַכן צו טאָן דערפון, נאָר זי זאָל די קריגערייַ באַלד איינשטילן און אים באַרואיקן. און בכלל, דאַרפן זיי זיך ביידע אויפפירן, אַז ווען איינער פון זיי רעגט זיך אויף, זאָל דער אַנדערער שווייגן, און ווען דער צאָרן וועט זיך איינשטילן - מוכיח זיין "פאַרוואָס האָסטו אַזוי געטאָן? איז דען שיין אַזוי צו טאָן?" א.אַ.וו.

**און** די פרויען וועלכע האָבן נישט-איידעלע, נידערטרעכטיקע מענער, פון וועמען זיי האָבן פיל אויסצושטיין, זאָלן זיי זיין מער געדולדיק און אָננעמען אַלעס מיט ליבשאַפט, און האָפן אַז זי וועט דורך דעם אָפּקומען אירע זינד אויף דער וועלט, און וועט זוכה זיין צו אַ גרויסן שכר אויף יענער וועלט. זי זאָל אָבער קיינעם נישט דערציילן אירע ליידן, אויך נישט אירע עלטערן און געשוויסטער, ווייל ערשט דעמאָלט וועט ער איר נאָך מער שעלטן און שימפן, פאַרוואָס זי האָט אים פאַרשעמט פאַר אַנדערע, און דעמאָלט וועלן אירע עלטערן האָבן דערפון גרויס צער און עגמת נפש, און וועלן זיך אַרומקריגן מיט אים, און עס וועט דערפון אַרויסקומען אַ גרויסע מחלוקת.

**דעריבער** זאָל זי שטענדיג דערציילן די עלטערן נאָר די גוטע זייט, און דערמיט וועט זי זייער האַרץ נאָר דערפרייען, און אין דער זעלבער צייט זאָל זי רעדן צו די האַרץ פון דעם מאַן, און מיט שיינע ווערטער אים מוסר׳ן, פאַרוואָס ער איז אַזוי שלעכט צו איר און אומ׳רחמנות׳דיג, און זי זאָל בעטן ביי השי״ת מיט הייסע תפילות, אַז ער זאָל בייגן די האַרץ פון איר מאַן צום גוטן, און זאָל איר אָנהויבן ליב האָבן. אין דער זעלבער צייט אָבער זאָל די פרוי אַכטונג געבן, אַז אירע תפילות צו השי״ת זאָלן ח״ו נישט ברענגען קיין קטרוג, און זי זאָל השי״ת נישט אָנרופן אַלס אַ ריכטער, ווייל איר תפילה קען נאָך דערגרייכן צום כסא הכבוד, און קען איר מאַן באַשטראָפן זייער שווער, און מעגלעך אַפילו מיט זיין לעבן באַצאָלן, און ווער וועט דערפון די מערסטעליידן? נאָר זי אַליין. דעמאָלט וועט זי שוין חרטה האָבן, אָבער עס וועט שוין זיין צו שפעט. ווי די גמרא דערציילט אונז: אַ תלמיד חכם איז אַוועקגעפאָרן פון דערהיים, און האָט געדאַרפט אַהיימקומען צו אַ באַשטימטע צייט, זיין ווייב אין הויז האָט געציילט די שעות און מינוטן ווען איר באַליבטער מאַן וועט זיך אומקערן, און זיך קענען זען מיט אים אין פריידן. עס זענען אָבער אַריבער לאַנגע שטונדען, און איר מאַן איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען, זי האָט דערפון געהאַט גרויס צער, און האָט אָנגעהויבן לאָזן הייסע טרערן, השי״ת האָט דערזען אירע טרערן און האָט זיין צאָרן אויסגעגאָסן אויף איר מאַן, און ער איז ל״ע געשטאָרבן. זי האָט אָבער זיכער נישט געוואונטשן איר מאַנ׳ס טויט ל״ע.

**פון** אָט די געשיכטע קען מען זיך אָפלערנען, אַז די פרויען זאָלן אויף זייערע מענער נישט פאַרגיסן קיין טרערן, נאָר זאָלן בעטן השי״ת פאַר זיין וואויל און גליק, און נישט גורם זיין ח״ו קיין קטרוגים.

**דעריבער** ליגט אַ חוב אויף די עלטערן פון די פרוי, איר צו לערנען פאַר דער חתונה, זי זאָל איר מאַן מכבד זיין, אויך איר שוויגער עלטערן און זייער משפחה צו שעצן און מכבד זיין, אָבער אין

דער זעלבער צייט דאַרף זי זיין אויך איינגעהאַלטן, און נישט צופיל אַרומרעדן מיט זיי, דורך שחוק וקלות ראש, נאָר זאָל זיך פירן ביי זיי מיט צניעות און באַשיידנקייט.

**דאָס** זענען די הויפּט כללים, וואָס פירן צו אַ גליקלעכן לעבן, און די פּאָרפאָלק וואָס פירן זיך אויף די וועגן, זענען בעזר השם אַ גליקלעכע פּאָרפאָלק, און זייער זיווג וועט זיין אַ זיווג הגון, מיט מזל און ברכה.

## פרק ב

## פון הייליגן ספר "מנורת המאור" (סימן קע"ה) די פירונג פונעם מאַן

**אם** האשה נוהגת כראוי, ווען די ווייב פירט זיך ווי געהעריג, איז אַ מצוה אויפן מאַן ער זאָל זי ערלעך האַלטן און איר דערפרייען און נישט אונטערדריקן איר מוט. און דאָס איז גוט פאַר אים ווי מיר לערנען אין מסכת בבא מציעא, רבי חנינא זאָגט, אַ מענטש זאָל שטענדיג זיין אָפּגעהיט אין דעם כבוד פון זיין ווייב, ווייל די ברכה געפינט זיך ביי דעם מענטש נאָר צוליב די ווייב, ווי עס שטייט אין פסוק "און צו אברהם האָט ער גוטס געטאָן צוליב שרה". רבא האָט געזאָגט צו די מענטשן פון די שטאָט מחוזא "זייט מכבד אייערע ווייבער כדי איר זאָלט רייך ווערן". אויך לערנען מיר אין פרק הבא על יבמתו, די רבנים האָבן געלערנט, דער וואָס האָט ליב זיין ווייב ווי זיך אַליין און איז איר מכבד מער ווי זיך אַליין, און דער וועלכער האָדעוועט זיינע זין און טעכטער אין דעם ריכטיגן וועג און מאַכט זיי חתונה אין צייט, אויף אים זאָגט דער פסוק "און דו וועסט וויסן אַז שלום וועט זיין אין דיין געצעלט".

**נאָך** האָבן די חכמים געזאָגט אין מסכת חולין, רב עוירא האָט גע'דרש'נט, אַמאָל האָט ער עס געזאָגט אין נאָמען פון רב אמי

און אַמאָל אין נאָמען פון רב אסי, וואָס מיינט דער פסוק "עס איז גוט צום דעם מענטש וועלכער לייטזעליגט אָרעמע לייט און באָרגט זיי געלט און פירט זיינע געשעפטן אָרענטלעך", דאָס מיינט אַז אַ מענטש זאָל עסן און טרינקען וויניגער וויפל ער פאַרמאָגט און זאָל זיך קליידן לויט וויפל ער פאַרמאָגט, און זאָל מכבד זיין ווייב און קינדער מער וויפל ער פאַרמאָגט ווייל זיי פאַרלאָזן זיך אויף אים און ער פאַרלאָזט זיך אויף השם יתברך.

**אויך** זאָל דער מענטש זיין אָפּגעהיט פון נאַרן די ווייב נישט מיט רעכט, אָדער אַפילו מיט רייד, ווי מיר לערנען אין פרק הזהב, רב זאָגט, אַ מענטש זאָל שטענדיג זיין אָפּגעהיט פון נאַרן די ווייב ווייל די טרערן קומען ביי איר שנעל, דעריבער שטראָפט אים השי"ת גלייך דערויף. רבי אליעזר זאָגט זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן די טויערן פון תפלה, ווי עס שטייט אין פסוק "ווען איך שריי און בעט איז פאַרשטאָפּט מיין תפלה", אָבער די טויערן פון טרערן זענען נישט פאַרשלאָסן, ווי עס שטייט אין פסוק "הער גאָט צו מיין תפילה ווייל צו מיינע טרערן שווייגסטו דאָך נישט".

**און** דער מענטש זאָל זיין אָפּגעהיט צו האָבן תבואה אין הויז כדי זיי זאָלן נישט קומען צו קיין קריג איבער דעם, ווי מיר לערנען אין גמרא רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב, אַ מענטש זאָל שטענדיג זיין אָפּגעהיט צו האָבן תבואה אין הויז ווייל אַ קריג קומט נישט אין הויז נאָר צוליב דעם וואָס עס איז נישטאָ קיין תבואה, ווי עס שטייט אין פסוק "גאָט מאַכט דיינע גרענעצן פרידן ווייל מיט פעטע ווייץ מאַכט ער דיך זאַט". זאָגט רב פפא דאָס איז אַ שפּריך-וואָרט וואָס מענטשן זאָגן, ווען די גערשטן גייט אויס פון דעם קרוג הויבט מען זיך אָן קריגן, ווייל אויב עס פעלט ברויט אין הויז איז דאָ אויך געשריי.

**און** ווען דער מאַן פירט זיך מיט זיין ווייב ווי געהעריג, וועט הערשן שלום צווישן זיי, און די שכינה וועט זיי באַשיצן, ווי מיר לערנען

אין מסכת סוטה רבי עקיבא האָט גע׳דרש׳נט, ווען מאַן און ווייב לעבן בשלום רוט די שכינה צווישן זיי ווייל דער יו״ד פון איש און דער ה״א אשה איז דער שם י״ה. ווען עס הערשט אָבער נישט קיין שלום צווישן זיי, דאַן גייט אַוועק פון זיי דער יו״ד און ה״א און עס בלייבט איבער אש, וואָס מיינט פייער, און דאָס פאַרברענט זיי.

**אויך** געפינען מיר אין פרקי דרבי אליעזר, רבי יהושע בן קרחה זאָגט ווייבאַלד דער מענטש איז בלוט און פלייש דעריבער ווערט ער אָנגערופן אדם, און ווען השי״ת האָט אים געגעבן אַ ווייב צו הילף, האָט ער אים גערופן איש און די ווייב אשה, און השי״ת האָט אַריינגעגעבן זיין נאָמען, דעם שם י״ה, צווישן זיי - גייען זיי אין השי״ת׳ס וועגן און היטן די מצוות, זאָגט השי״ת מיין נאָמען איז צווישן זיי, ער וועט זיי מציל זיין פון אַלע צרות און אייגנשאַפט, און אויב נישט, וועל איך דעם שם י״ה פון זיי אַוועקנעמען וועט בלייבן ביי זיי אש און דאָס פייער וועט זיי פאַרברענען. אויך זעען מיר אין פרקי דרבי אליעזר ווען אַ מענטש איז זוכה צו באַקומען אַ גוטע ווייב, איז זי זיין הילף, און אויב נישט איז זי קעגן אים.

**און** ווען אַ מענטש האָט ליב זיין ווייב ווי זיך אַליין איז ער מקיים דאָס וואָס עס שטייט אין דער תורה זיי זאָלן זיין איין גוף, ווייל זי איז אַ ריפּ פון זיינע ריפּן און ער דאַרף נאָך זוכן איר צו באַקומען, און זי איבערצובעטן אין אַלע זאַכן, ווי מיר לערנען אין מסכת נדה, די תלמידים האָבן געפרעגט ביי רבי דוסתאי בר ינאי פאַרוואָס זוכט דער מאַן צו באַקומען אַ ווייב און נישט די ווייב זוכט דעם מאַן, האָט ער זיי געזאָגט עס איז אַ משל צו אַ מענטש וואָס האָט עפּעס פאַרלוירן זוכט ער זיין אבידה אָבער די אבידה זוכט אים נישט, אַזוי אויך דער מאַן האָט פאַרלוירן זיין ריפּ ביי די ווייב, דעריבער גייט ער זי זוכן. האָבן די תלמידים אים ווידער געפרעגט פאַרוואָס לאָזט זיך אַ מאַנסביל גרינג איבערבעטן און אַ אשה איז שווער איבערצובעטן, האָט ער זיי געזאָגט אַ מאַנסביל איז באַשאַפן פון דער ערד וואָס זי איז גרינג ווייך צו מאַכן

דעריבער קען מען אים גרינג איבערבעטן, אָבער די אשה איז באַשאַפן געוואָרן פון אַ ריפּ וואָס זי איז ביין דאָס קען מען נישט גרינג ווייך מאַכן דעריבער לאָזט זיך אַ אשה נישט גרינג איבערבעטן. האָבן זיי ווידער געפרעגט פאַרוואָס האָט אַ אשה אַ זיסע שטימע און אַ מאַנסביל האָט נישט קיין זיסע שטימע, האָט ער זיי געזאָגט אַ מאַנסביל איז באַשאַפן געוואָרן פון דער ערד און ווען מען קלאַפּט אָן דער ערד קלינגט עס נישט, אָבער אַ אשה איז באַשאַפן פון אַ ביין און ווען מען קלאַפּט אָן אַ ביין קלינגט עס, ווי עס שטייט אין פסוק "דיין קול איז זיס און דיין געשטאַלט איז שיין".

**אויך** זאָל דער מענטש זיין אָפּגעהיט נישט אַהיימצוברענגען אַסאַך חברים אין הויז, ווייל זיי וועלן איינריידן זיין ווייב צו זנות, ווי מיר לערנען אין פרק הרואה, מיר האָבן געלערנט רבי מאיר זאָגט אַ מענטש זאָל נישט ברענגען קיין סך חברים אין הויז, ווייל עס שטייט אין פסוק "דער וואָס האָט פיל חברים דער ווערט צובראָכן ווייל זיי ריידן אָן זיין ווייב צו זנות". אויך האָבן מיר געלערנט רבי זאָגט אַ מענטש זאָל נישט אַוועקשטעלן אַ מאַנסביל אַלס אפּוטרופּוס איבער זיין הויז אויף אָפּגעבן זיך מיט די שטוב זאַכן, ווייל זיין ווייב וועט זיך באַקענען מיט אים און וועט מזנה זיין מיט אים, און דאָס לערנען מיר אָפּ פון יוסף אַז פּוטיפר האָט אים אַוועקגעשטעלט אַלס אַפּוטרופּוס איבער זיין הויז, האָט די פרוי געוואָלט ליגן מיט אים.

**אויך** זאָל ער זי נישט איינגעוואוינען צו טרינקען אַסאַך ווייַן, ווייל וויין ברענגט צו זנות, ווי מיר לערנען אין דער גמרא, רבי זאָגט פאַרוואָס שטייט אין דער תורה די פרשה פון סוטה נעבן דער פרשה פון נזיר וועלכער שיידט זיך אָפּ פון טרינקען וויין, צו ווייזן אַז דער וואָס זעט די שאַנדע פון אַ סוטה ווי מען האָט איר געגעבן צו טרינקען די מים המאררים און אַז דאָס איז געקומען דערפון וואָס זי האָט געטרונקען אַסאַך וויין - דער וועט זיך אָפּשיידן פון וויין, כדי ער זאָל צו קיין עבירה נישט קומען. אויך לערנען מיר אין מסכת כתובות, מיר

האָבן געלערנט איין בעכער ווייַן איז גוט פאַר אַ פרוי, צוויי איז שענדליך פאַר איר, און ווען זי טרינקט דריי בעכערס ווייַן ווערט זי צולאָזט און בעט מיט'ן מויל מען זאָל ביי איר ליגן, ווען זי טרינקט פיר בעכערס וויין ווערט זי צולאָזט און דעם נידעריקסטן מענטש זאָגט זי נישט אָפּ. דעריבער זאָל אַ מענטש צוגעוואוינען די ווייב ווי געהעריג, און זאָל זי פירן אויפן ריכטיגן וועג און דאַן וועט זי זיין ראוי פאַר אים.

## פרק ג

## פון הייליגן ספר "מנורת המאור" (סימן קע"ו)
## די פירונג פון די פרוי

**כאָטש** אַ פרוי איז דעם מענטשנ'ס בת-זוג, פונדעסטוועגן זאָל זי נישט האַלטן דעם מאַן ווי אַ חבר, נאָר ווי אַ האַר, און אויף דעם האָט דוד המלך געזאָגט ער איז דיין האַר און בוק זיך, און די פרוי זאָל ליב האָבן איר מאַן און ער זאָל איבער איר געוועלטיגן, ווי עס שטייט אין פסוק "צו דיין מאַן זאָל זיין דיין גלוסט און ער זאָל איבער דיר געוועלטיגן". און ווען זי וועט האַלטן דעם מאַן פאַר אַ האַר וועט ער איר ליב האָבן, און זי וועט זיין אין זיינע אויגן ווי אַ שוועסטער, ווי מיר געפינען ביי שרה אַז זי האָט איר מאַן גערופן האַר ווי עס שטייט אין פסוק אַז שרה האָט געזאָגט "און מיין האַר איז האַלט", און ער האָט געזאָגט אין מצרים "זי איז מיין שוועסטער". און אַז זי וועט ריידן נאָר וואָס זי דאַרף וועט זי נאָך מער געליבט זיין ביי איר מאַן, און אַז זי וועט פאַר אים ריידן מיט חן און מיט פרומקייט און בעטן אירע באַדערפענישן ווי אַ דינסט פון איר האַרנטע, וועט זי זיין טייער און ערליך אין זיינע אויגן.

**אויך** געפינען מיר אין מדרש אַז אַ קלוגע פרוי האָט אָנגעזאָגט איר טאָכטער, פירנדיק איר צו דעם מאַנ'ס הויז, מיין טאָכטער דו זאָלסט שטיין פאַר דיין מאַן ווי פאַר אַ קעניג און באַדינען אים, און ווען דו וועסט זיך פירן צו אים ווי אַ דינסט וועט ער זיך פירן צו דיר ווי אַ

קנעכט, און וועט דיר אָפּגעבן כבוד ווי צו אַ האַרנטע, אָבער אויב דו ווערסט זיך גרויס האַלטן איבער אים, וועט ער מיט געוואַלד זיך פירן צו דיר ווי אַ האַר, און דו וועסט זיין פאַרגליכן אין זיינע אויגן ווי אַ דינסט, און דו זאָלסט דיין מאַן שיין צירן און זאָלסט אים באַשיינען צווישן זיינע חברים און ווען עס וועט קומען צו אים אַ גאַסט פון זיינע קרובים אָדער פריינד, זאָלסטו זיי אויפנעמען שיין און פריילעך, און דו זאָלסט אויסגעבן געלט זיי מכבד צו זיין מער ווי מען דאַרף כדי אַז דיין מאַן זאָל זיין מכובד אין זייערע אויגן און דו זאָלסט היטן זיין הויז און אַלץ וואָס ער האָט, און דורך דעם וועסטו געפינען חן אין זיינע אויגן, און דו וועסט זיין די קרוין פון דיין מאַן, ווי עס שטייט אין פסוק "אַ אשת חיל איז די קרוין פון איר מאַן".

**און** א פרוי זאָל זיך שטענדיג באַמיען צו טאָן איר אַרבעט אין הויז, כדי נישט צו זיצן ליידיג, ווייל ליידיקייט ברענגט צו אַ צעמישונג אין קאָפּ, און מיט דעם ווערט אַן אשת חיל געלויבט ווי עס שטייט אין פסוק "זי זוכט נאָך וואָל און פלאַקס, און אַרבעט מיט קונסט פון אירע הענט". אויך לערנען מיר אין מסכת כתובות דאָס זענען די מלאכות וואָס אַ ווייב דאַרף טאָן צו איר מאַן, זי מוז מאָלן מיט אַ האַנט מיל און באַקן ברויט און וואַשן און קאָכן און דאָס זייגן קינד און פאַרבעטן דאָס בעט און שפּינען וואָל, און אויב זי האָט אים געבראַכט אַסאַך געלט נדן אַז ער קען אויסהאַלטן אַ דינסט, דאַרף זי נישט מאָלן און נישט באַקן און נישט וואַשן. און אויב זי האָט אים געבראַכט אַזוי פיל געלט אַז ער קען אויסהאַלטן צוויי דינסטן, דאַרף זי נישט קאָכן און דאַרף דאָס קינד נישט זייגן. און אין פאַל ווען ער קען אויסהאַלטן דריי דינסטן פון אירע געלט דאַרף זי דאָס בעט אויך נישט פאַרבעטן און דאַרף נישט שפּינען קיין וואָל. און אויב ער קען אויסהאַלטן פיר דינסטן פון אירע געלט וואָס זי האָט געבראַכט, מעג זי זיצן אויף אַ שטול. רבי אליעזר זאָגט אַפילו ווען זי האָט אים געבראַכט אַזוי פיל געלט אַז ער קען

אויסהאַלטן הונדערט דינסטן, קאָן ער זי דאָך נייטן זי זאָל שפינען וואָל און זאָל נישט אַרומגיין ליידיג ווייל ליידיקייט ברענגט צו צעלאָזנהייט.

**אויך** זאָל אַ מענטש זיין אָפּגעהיט, ער זאָל נישט ברענגען דערצו אַז די ווייב זאָל אים שעלטן, ווייל דאָס קען ברענגען צו עניות, ווי מיר לערנען אין מסכת שבת זאָגט דריי זאַכן ברענגען דעם מענטש צו עניות און דאָס זענען זיי, דער וואָס איז משתין פאַר זיין בעט נאַקעטערהייט, און דער וואָס איז מזלזל אין נטילת ידים ווייל דאָס ווייזט אַז ער איז שמוציק און אָפּגעלאָזן און זאָרגט נישט פאַר זיך, און דער וואָס די ווייב שעלט אים פאַר זיינע אויגן. ווען ער איז משתין פאַר זיין בעט זאָגט רבא עס איז נאָר געזאָגט געוואָרן ווען ער שטייט מיט'ן פּנים צום בעט איז עס מיאוס אָבער אויב ער שטייט נישט מיט'ן פּנים צום בעט האַרט מיך נישט, און אַפילו אויב ער שטייט מיט'ן פּנים צום בעט איז עס געזאָגט געוואָרן נאָר ווען ער איז משתין אויף דער ערד, אָבער ווען ער איז משתין אין אַ כלי האַרט מיך נישט, ווייל אין די אופנים זעט מען נאָך נישט אַז ער איז נישט ריין און אָפּגעלאָזן, און ווען ער איז מזלזל אין נטילת ידים קומט ער צו עניות, דאָס איז געזאָגט געוואָרן ווען ער וואַשט זיך גאָר נישט, אָבער אויב ער וואַשט זיך נאָר נישט ווי געהעריג דאָס ברענגט נישט קיין עניות. אָבער די זאַך איז נישט אַזוי, נאָר מען מוז זיך וואַשן ווי געהעריג, ווייל רב חסדא האָט געזאָגט איך האָב מיך געוואַשן מיינע הענט פול מיט וואַסער האָט מיר השי"ת געגעבן פולע הענט מיט גוטס. און ווען די ווייב שעלט אים פאַר זיינע אויגן ברענגט עס צו עניות זאָגט רבא אַז דאָס רעדט זיך אויב זי שעלט אים אַז זי וויל קליידער און צירונג, און ער האָט געלט און וויל איר נישט מאַכן.

**אויך** זאָל זי זיין זייער אָפּגעהיט אין צניעות אין איר הויז אַפילו פאַר איר מאַן, כדי זי זאָל נישט נמאס ווערן אין זיינע אויגן, ווי מיר לערנען אין מסכת שבת, רב חסדא האָט געזאָגט צו זיינע טעכטער האַלט אייך בצניעות פאַר אייערע מענער, איר זאָלט נישט עסן קיין

טרוקענע ברויט פאַר אייערע מענער, ווייל דאָס ווייזט אויף גראָבקייט, און איר זאָלט נישט עסן קיין גרינס בייַנאַכט ווייל דאָס ברענגט אַ שלעכטן ריח פון מויל, און איר זאָלט נישט עסן קיין טייטלען בייַנאַכט און זאָלט נישט טרינקען קיין ביר פון טייטלען בייַנאַכט ווייל דאָס איז משלשל, און איר זאָלט אייער צורך נישט טאָן וואו אייערע מענער טוען עס. און ווען איינער קלאַפּט אויף דער טיר זאָלט איר נישט פרעגן "ווער איז ער", ווי מען פרעגט צו אַ זכר, נאָר איר זאָלט זאָגן "ווער איז זי" ווי מען זאָגט צו אַ נקבה. זעט ווי זייער געליבט איז דער וואָס פירט זיך בצניעות, און וואויל איז דעם מענטשן וואָס איז זוכה צו אַ גוטע ווייב, אַ מכובדת, אַ אשה צנועה און אַ יראת שמים.

## פרק ד

## פון הייליגן ספר "ראשית חכמה" (אור עולם פרק י') וואָס אַ מאַן דאַרף וויסן

**יעדער** מענטש דאַרף שטרעבן צו האָבן אַ פרוי וואָס איז ערליך, צניעות'דיג, פון אַ ערליכע משפחה און זי זאָל אויך האָבן אַ גוטן נאָמען. דער עיקר ביי אַ פרוי איז נישט איר שיינער אויסזען, די הויפּט זאַך איז ערליכקייט און שיינע מעשים, וואָס נאָר מיט דעם איז אַ פרוי כדאי געלויבט צו ווערן.

**מען** דאַרף אַוועקגעבן אַלעס וואָס מען פאַרמאָגט, כדי מען זאָל קענען צוקומען צו נעמען אַ ווייב וואָס איז אַ טאָכטער פון אַ תלמיד חכם, ווייל אויב מען וועט ח"ו נישט זוכה זיין אַליין צו ערציען די קינדער, אָדער ער וועט מוזן אַוועקוואַנדערן פון שטוב, זאָל ער זיין פאַרזיכערט אַז די קינדער וועלן ערצויגן ווערן אַלס תלמידי חכמים.

**מען** זאָל נישט שטעלן ביי זיך אין שטוב קיין פרעמדן מאַן אַלס אויפזעער אויפ'ן הויז, ווייל עס ברענגט נישט קיין גוטס. מען זאָל נישט וואַרפן קיין שרעק אין שטוב, ווייל עס ברענגט נישט קיין גוטס.

**אַ מאַן** דאַרף זייער אַכטונג געבן נישט צו זאָגן זיין ווייב קיין שום ווערטער וואָס קענען איר ווי טאָן, ווייל ביי אַ פרוי וואָס ווערט שנעלער צעבראָכן ווי אַ מאַן, און זי קומט שנעלער צו אַ מצב אַז זי זאָל וויינען מיט טרערן, איז דער איסור פון טשעפּען מיט איר פיל גרעסער. אַ מאַן דאַרף שטענדיג אַכטונג געבן אויפ׳ן כבוד פון זיין ווייב, ווייל דורכדעם קומט אַריין די ברכה אין שטוב.

**דער** מענטש זאָל אַכטונג געבן עס זאָל שטענדיג זיין אין שטוב וואָס צו עסן און דורכדעם וועט ער אויסמיידן קריגערייען אין שטוב. אַ מענטש דאַרף עסן ווייניגער פון וויפל ער פאַרמאָגט, קליידן דאַרף ער זיך לויט וויפל ער פאַרמאָגט, און מכבד זיין ווייב און קינדער דאַרף ער מער וויפל ער פאַרמאָגט.

**סיי** אַ מאַן סיי אַ פרוי דאַרפן שטענדיג אַכטונג געבן נישט צו זיצן ליידיג און פאַרברענגען די צייט, ווייל דאָס ברענגט נישט קיין גוטס און נישט קיין געזונט נישט פאַר דעם גוף און נישט פאַר די נשמה.

## פרק ה

## פון הייליגן ספר ״ראשית חכמה״ (פרק דרך ארץ)

## זאַכן וואָס זענען שייך ביי אַ פרוי אַקעגן איר מאַן

**זי** זאָל אַכטונג געבן אַז אירע רייד צו איר מאַן זאָלן שטענדיג זיין מיט חן, מיט אַ בעטנדיגע שטימע, מיט כבוד, בושה און ענוה. זי זאָל זיך צוהערן צו זיינע רייד, זי זאָל טאָן זיין ווילן, זי זאָל טראַכטן פון אים בשעת ער פאָרט אַוועק, און זי זאָל וואַרטן און האָפן אויף די צייט וואָס ער דאַרף צוריק קומען.

**ווען** ער איז אינדערהיים זאָל זי אים אַלעמאָל ווייזן אַ פריילעך פנים, זי זאָל אַכטונג געבן ער זאָל האָבן זיין עסן אין צייט, זי זאָל אים צוגרייטן אַזעלכע מאכלים וואָס ער האָט ליב צו עסן, און זי זאָל אַוועק

קוקן איר ווילן כדי צו ערפילן זיין ווילן. אין אַ צייט וואָס דער מאַן איז אויפגערעגט זאָל זי אים זען צו באַרואיגן. אין אַ צייט וואָס ער איז ח"ו אין אַ צרה, זאָל זי אים אויסרעדן, און אין אַ צייט וואָס עס גייט אים נישט גוט, זאָל זי אים טרייסטן, און אויב זי האָט דעמאָלס עפּעס אַ דאגה אין האַרץ זאָל זי עס באַהאַלטן כדי אים נישט צו ברענגען צו טרויעריגקייט.

**זי** זאָל זיין שטענדיג אַקעגן אים שיין אָנגעטאָן מיט חן, מיט ענוה, מיט צניעות און שטענדיג זאָלן אירע בגדים זיין ריין. זי זאָל שטענדיג מכבד זיין דעם טאַטן פון איר מאַן און זיין משפחה, אַפילו ווען ער שטאַמט נישט פון קיין חשוב'ע משפחה. ווען זי באַקומט אַ מתנה פון איר מאַן זאָל זי אַרויסווייזן אַ שמחה, און אַפילו עס איז אַ קליינע מתנה זאָל זי זיך פרייען דערמיט אַזוי ווי מיט אַ גרויסע מתנה.

## פרק ו

## איבערזעצונג פון הייליגן ספר "ראשית חכמה" (פרק דרך ארץ שער ד')

### וואָס פרויען דאַרפן וויסן

**אַ פרוי** דאַרף שטענדיג שטרעבן צו זיין אַ צניעות'דיגע, אַ ערליכע, זיך פירן מיט שיינע מדות, און זיין גוט צו איר מאַן און צו אירע קינדער.

**דער** מדרש (אין פרשת יתרו) זאָגט אויפן פסוק "כה תאמר לבית יעקב" אַז ווען השי"ת האָט געזאָגט צו משה רבינו ער זאָל גיין זאָגן די אידן אַז השי"ת וויל זיי געבן די תורה, האָט אים השי"ת געהייסן רעדן קודם צו די פרויען (קורצע ווערטער לויט וויפל זיי פאַרשטייען), ווייל זיי שיקן די קינדער אין חדר, און זיי געבן אַכטונג אויף די קינדער זיי זאָלן לערנען תורה, און זיי ווייזן אַרויס זייער ליבשאַפט צו די קינדער ווען זיי קומען אַהיים פון חדר, און זיי ציען צו צו זיך די קינדער מיט האַרציגע רייד, און זיי היטן די קינדער זיי זאָלן

נישט פאַרברענגען די צייט און זיין געשטערט ח"ו פון לערנען תורה, און זיי לערנען און ערציען די קינדער פון קליינערהייט, און גיבן אין זיי אַריין אַ ליבשאַפט צו די מצוות און זאָלן מורא האָבן צו טאָן עבירות ח"ו. ממילא זענען די פרויען די וועלכע ברענגען די קינדער צו תורה און צו יראת שמים

**אויך** ווען זייערע מענער קומען אַהיים פון דער אַרבעט פאַרפּלאָגט און מיד, טוען די פרויען אַלץ וואָס מעגלעך אַז די מענער זאָלן קענען גיין לערנען תורה, און זיי דערמאַנען די מענער צו לערנען תורה און געבן צדקה.

**די** פרוי דאַרף אַלעמאָל אַכטונג געבן צו זען אַז עס זאָל זיין שלום צווישן איר און דעם מאַן, און זי זאָל אַלעמאָל זיין פריינטלעך און גוט צו איר מאַן. אַ פרוי דאַרף געדענקען צו בעטן פון השי"ת אויף אירע זין און טעכטער אַז זיי זאָלן זיין יראי השי"ת און עוסק זיין אין תורה און אין מצוות, ווייל דאָס איז דער זכות פון אַ פרוי אויף יענער וועלט, דאָס וואָס אירע קינדער דינען השי"ת און טוען דעם ווילן פון השי"ת. ווען די פרוי איז שוין אויף יענער וועלט, און זי האָט אויף דער וועלט קינדער וואָס לערנען תורה און טוען מצוות, ווערט פאַררעכנט ווי זי אַליין וואָלט געטאָן די אַלע מצוות וואָס אירע קינדער טוען, און דורכדעם גייט זי אַלעמאָל אַרויף העכער און העכער אין גן עדן. ווען אַ פרוי גיט צדקה, אָדער זי איז מקיים די מצוה פון הכנסת אורחים, ביקור חולים און דאָס גלייכן, זאָל זי אַכטונג געבן אַז זי זאָל האָבן ריינע הענט, און זי זאָל דעמאָלט בעטן השי"ת אַ תפילה, אַז אירע קינדער זאָלן זיין יראי השי"ת און זיי זאָלן מצליח זיין אין תורה און מצוות, און די תפילה וואָס די פרוי איז מתפלל צו השי"ת אין דער צייט ווען זי איז מקיים אַ מצוה, איז זייער חשוב אין הימל עס זאָל אָנגענומען ווערן.

**אַ פרוי** דאַרף שטאַרק אַכטונג געבן נישט אַרויסצוגיין אין גאַס נאָר ווען עס איז וויכטיג, און בכלל זאָל זי וויסן אַז אַ פרוי דאַרף

נישט צו פיל קוקן אויף מענער, און זיכער דאַרף זי זיך נישט ווייזן פאַר מענער, ווייל דאָס איז פון די זאַכן וואָס השי"ת האָט פיינט, און עס ברענגט נישט קיין גוטס. די פרוי וואָס זיצט שטענדיג ביי זיך אין שטוב און גיט אַכטונג זיך נישט צו ווייזן צווישן מענער, איז זי זוכה צו קינדער צדיקים.

**די** פרוי דאַרף זיך אויפפירן שיין מיט איר עסן, זי זאָל נישט עסן צו שנעל, און נישט צו פיל, און נישט קיין זאַכן וואָס איז נישט געזונט. אויך זאָל זי זיך אויפפירן שיין מיט איר הויז-אַרבעט אַלעס זאָל זיין מיט אַ סדר, מיט זריזות, מיט חשק, און נישט מיט אַ פאַרשלאָפן פנים און נישט מיט פוילקייט, און אַפילו ווען זי האָט באַדינערס, זאָל זי אויך אַליין טאָן מיט חשק וויפל זי קען, ווייל נישט אַרבעטן ברענגט נישט קיין גוטס און נישט קיין געזונט פאַר'ן מענטש.

❀ ❀ ❀